STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11834

OYER SILUETN

Daniel Galay

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דניאל גלאי

אויער-סילועטן

לידער

אַרויסגעגעבן דורכן המשך־דור ליבהאָבערס פון ייִדיש
תל־אביב, תשנ״ה — 1994

דניאל גלאי

צללית האוזן

ש י ר י ם

איורים: קרלוס א. מונטניס

הוצאה של דור ההמשך - אוהבי יידיש

Copyright 1994 by the author

No parts of this book may be used or reproduced in any manner whatsoever without written permission of the author, except in the case of brief quotations embodied in critical articles or reviews.

PRINTED IN ISRAEL
נדפס בישראל, תשנ״ה — 1994

Daniel Galay

OYER-SILUETN

POEMS

Illustrated by
CARLOS A. MONTAÑEZ

©

PRINTED IN ISRAEL 1994
נדפס בישראל

סדר וגרפיקה: פסח סקודיצקי "דורגרף"
תל-אביב, אלנבי 100

אינהאַלט

13 מיַין קינדהייט
16 שאַגאַליש
17 זיידע
18 טאָג־איַין, טאָג־אויס
19 סאַלגעראָ און קאָריענטעס
20 וויגליד צו דער קאָלדרע
22 שורות וואָס האָבן אונדז געטראָפֿן
23 אויפֿן שמייכל־פֿליגל
24 זכרונעווען
25 פֿאָטערס טעריטאָריע
26 זרע און זון
29 לייענער־קראַנץ
30 שפּילט זיך, קינדער
31 ציטאַטן
32 די טאָרבע אינעם בוך
36 שבת־זמירות
37 פּערל און דימענטן
38 די גאָלדענע פּאַווע
39 לשון־קדוש
40 אַן אַדיע־פֿאָרשלאַג
41 אָדע
43 צייכנס
46 ווער פֿון אונדז...
48 סימעטריש
50 חלוצים־מנין
51 אַהער
54 ישראל־מאַראַן
56 גרייטער פּאַמפֿלעט
58 וואָס איז איַיער הו־האַ אַרום דעם כּנרת?
60 שבועה אויף עברי־טיַיטש
61 היילונגס־עפֿעקט
64 פֿאַרגוואַלדיקטער בוקעט
66 אינטיפֿאַדאַ איינס־צוויי!...
67 ווּ האָב איך די שליסלעך?

69 אומענדלעכע באַן
70 געשריי פֿון קאָרידאָר
74 איראַנישער וועטער
76 תּל־אָביב
77 תּל־אָביבער פּיס־מינוטן
79 הדר יוסף־פּאָרטרעט
81 טעלעפּאַטיע
83 בײַטאָג אויפֿן מאַנהעטן־מאַרק
85 אַ מעטראָפּאָליע, נעבעך...
88 ווײַ־טאָג — פֿיר און צוואַנציק שעה
90 נישט מער
92 איי־בי־טויער
93 ייסורים־ספּיראַל
95 חנוכּת־הבית
98 סופּער־שינאה־מען
99 אויסגעבאָרגטער פּײַזאַזש
100 פּסוקים
101 גראַמאַטישע פּײַזאַזשן
102 פֿאַרהאַקטער הימל
106 רעוואָלווער
108 פּיקאַסאָס אָקס
109 אַרום און אַרום
110 שאָטנס און איך
111 די שוואַלב
113 קרעשטשענדאָ
114 מה נשתּנה?
115 באַליידיקטער גוף
118 ווי קאָן מען אַזוי רעדן?
119 קאָסמישער כּוס
120 פֿון אדמס ריפּן
121 ווי פֿון צוויי ווערט איינס
123 געפֿאַלענער נומער זיבן
125 קאָלירן־קוואַרטעט
126 פֿיר־סעזאָניקע תּאווה
127 מאַסקעס־קוש
128 אויער־סילועטן

דניאל גלאַי

געבוירן אין בוענאָס־אײַרעס, אַרגענטינע, אין יאָר 1945. מיט אַ ליטעראַטור־אַרבעט אויף ייִדיש האָט ער דעביוטירט אין יאָר 1960, ווען ער האָט באַקומען דעם „שמערקע קאַטשערגינסקי־פּרײַז" פון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, פאַר זײַן דערציילונג „אָקסער נאַר". ער איז עולה געווען אין יאָר 1965 און איז טעטיק אויף פאַרשידענע קינסטלערישע געביטן. אַלס פּיאַניסט און קאָמפּאָזיטאָר איז ער באַקאַנט אין די היגע מוזיקאַלישע קרײַזן און זײַנע שאַפונגען זענען געשפּילט געוואָרן אין אַ סך לענדער און אויפגענומען געוואָרן פאַר פאַרשידענע ראַדיאָ־פּראָגראַמען. אויף העברעיש און ייִדיש געשריבן עטלעכע דראַמעס. גרינדער און איינער פון די הויפּט־פיגורן פון המשך־דור — ליבהאָבערס פון ייִדיש אין ישראל.

קאַרלאָס א. מאָנטאַניעס
מאָלער און סקולפּטאָר

געבוירן אין אורוגוואַי. אין דער "אוניווערסידאַד דעל טראַבאַכאָ" אין מאָנטעווידעאָ געווען דירעקטאָר פון דער קונסט־אָפּטיילונג.

זיך באַטייליקט אין צענדליקער אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע אויסשטעלונגען און אילוסטרירט פיל ביכער. עולה געווען אין 1975 און זיך באַזעצט אין אשדוד, ווו ער פירט אָן אינטענסיווע דידאַקטישע טעטיקייט צווישן קינדער און דערוואַקסענע. האָט אָרגאַניזירט דעם רעגיאָנעלן מאָלער־ און סקולפּטאָרן־פאַרבאַנד.

מיין קינדהייט

הער קעלנער,
שליח פֿון מײַן קינדהייט,
כ׳באַשטעל בײַ אײַך אַ שלל זכרונות
אײַנגעטונקענע אין זיסקייט.

כּדי צו לינדערן
די דאָזיקע מתיקות־אילוזיע,
אפֿשר דאַרף איך אויך באַשטעלן
אַ טאָפּלטן ווינטער,
נאָר דערווײַל ברענגט מיר
אויף דער בינע אַ פֿאָרשטעלונג,
אין וועלכער מײַן פֿאָטער
גנבעט פֿון זײַן ראָלע די גרענעצן
און שענקט מיר אַ צוווּנק, אַ שטיפֿן.

טײַערער קעלנער־קונצנמאַכער,
כאָטש כ׳ווייס, אַז נישט איר קענט און נישט קיינער,
זײַט דאָך אַזוי גוט,
ברענגט מיר פֿון מײַן מוטער אַ וואַרעם טעלער זופּ.
דערנאָך, ס׳וועט פֿאַר מיר זײַן גענוג,
אַ לעפֿעלע פֿון יענעם "זומערלאַנד"*,
כּדי אײַנצוטינקען אויף די ליפּן האָניקזון,
ווי אויך "אַרום דעם פֿײַער מיר זינגען לידער"
פֿון אַמאָליקע נעכט — איצטער אויף מײַן צונג.
ראובנען, מײַן עלטסטן ברודער, מיט וועמען
כ׳האָב זיך קיינמאָל ניט געקריגט, און מיך

---

* **זומערלאַנד**: אַ קינדער־לאַגער.

זאָלט איר צוזעצן בײַם פֿענצטערטיש.
(רפאל, נאָך אין מאַמעס בויך,
קאָפּעט איר שטיפֿעריש)...
דערלאַנגט מיר, הער קעלנער, אַ פּאָרציע סקווער,
ווו טשיקאָס** מיט נײַגער אין די אויגן,
און אַן אַלטיטשקע מיט ברעקלעך נאַס ברויט
פֿלעגן נערן די פֿייגל.
פּרוווט אפֿשר אויף אײַער טאַץ,
נאָכמאַכן דעם טיפּישן דיסאָנאַנץ
פֿון אַ שפּאַניש און אַ ייִדיש וואָרט אין גאַס.
צוויי היגע כעלעמער
פֿון זכרון געפֿינט אויס,
קויפֿט אײַך בײַ יעדן איין אַ לאָך
און נייט אײַך אַ פּאָר הויזן.

אַנטשולדיקט אויב כ׳גיי אַ ווײַלנטשקע אַרויס
צו דער פּילקע, — פֿאַרבינדונג־וואָרט, —
וואָס אומגעדולדיק אויפֿן הויף
ברענגט התלהבות מיט ייִנגלעך צונויף.
דעם קינדער־גאָרטן, אַרום מײַן סוכּהלע,
פֿאַרגעסט נישט, הער קעלנער.
געדענקט אויך די דינע צענדליקער פֿינגער,
מלאָכות־מלוכות און שפּילצײַגן,
דורך וועלכע לערערקע מרים
שפּילט זיך מיט אירע קינדער.

— אַנטשולדיקט, הער דיכטער,
מ׳דאַרף איצט פֿאַרשליסן,
ס׳איז שוין שפּעט.

** טשיקאָס: קינדער (שפּאַניש).

וויאַזוי האָב איך געקענט יאָרן לעבן,
אין דער טויבקייט,
נישט צו הערן
הונדערט שטעט און שטעטלעך
אויף דער פּאָליצע
פֿון מײַן קינדהייט?

— הער קעלנער,
שליח פֿון מײַן היים,
גייט איר אפֿשר אין מײַן וועג?..

שאַגאַליש

נאָך יאָרנלאַנג, טאַטע־מאַמע,
וואָס איר זענט שוין ניט מיט מיר,
לאה און זישע,
שטעל איך אין מײַן דמיון אויף
אײַער חופּה פֿונדאָסניַי,
און זע אײַך — איין נשמה — ביידע פֿון פּראָפֿיל.

פֿון דאַנען וועל איך זיך הוידען
גלײַך ביז דער אָפּשײַד־שעה אויפֿן בית־עולם
און טיף צו אײַער קינדהייט־בריק,
אַהין און צוריק. אפֿשר צופֿעליק,
ווער ווייסט? דווקא אין דעם מאָמענט,
אויך דורך אײַער דמיון שוועבט
דער שמייכל פֿונעם ייִנגל וואָס איך בין,
בעת כ׳רעסטאַווריר
פֿאַר זיך און פֿאַר די אייניקלעך,
דעם ציטער פֿון אײַער ״הרי את מקודשת לי״.

שפּילט, כּליזמרים, שפּילט!
פֿון אַלע אַלבאָם־פֿאָטאָגראַפֿיעס
איז די וואָס כ׳האָב אַממערסטנס ליב.
שפּילט, כּליזמרים, שפּילט!
די פֿרייד־בליציקע קלאַנגען —
וואָס כ׳האָב פֿון אײַך געפֿאַנגען
זענען דער לייטער, מײַן לײַכטער,
די ברכה, מײַן זיג.
שפּילט, כּליזמרים, שפּילט, שפּילט!

זיידע

קוקנדיק אין סאַלאָן אויפֿן זיידעס בילד,
וואָס הענגט אויף דער וואַנט,
בעת זײַן שטרענגער בליק איז געווענדט
צו דער משפּחה — אויפֿגעוויקלטע וואַקלעניש
נאָך פֿון יענער זײַט ים...
ווערט מען צום בילד
צוגעוווינט, צוגעשמידט,
ביז מ׳פֿאַרגעסט אויף אַ ווײַלע,
אַז ר׳איז שוין יאָרנלאַנג נישטאָ
(דער־אָ ייִד מיט דער באָרד).
דער גלאַנץ פֿון זײַנע אויגן
און דער גלאַנץ פֿונעם גלאָז.
ווער קען זיך פֿון זײ אויסבאַהאַלטן
ווען זיי ווייסן,
אַז דאָס קינד שטייט איצטער דאָ.

טאָג־אײַן, טאָג־אויס

װען כ׳האָב זיך פּלוצעם געכאַפּט,
אַז דער פֿאָטער מײַנער איז שױן מער ניטאָ,
הענדעם־פּענדעם איז ער צו זײַן חלום אַװעק,
בעת מײַנעם האָב איך, אַ דערשלאָגענער, פֿאַרלאָזט.

װי אַזױ קריכט מען אַרױס
פֿון דער מדבר־מידקײט,
װאָס נערט זיך פֿון איר אײגענער פֿלײש־הונגעריקײט
און קײנער קען זי דאָ נישט זעטיקן?

װעל איך אַרײַנפּראַלן, מײדל, אין דײַן לעבן,
מיר׳ן בײדע פֿליִען און שװעבן,
דורך אײן־סוף־צימערן, אױף כּישוף־װעגן,
טאָג און נאַכט זיך נעמען און געבן.

די מזוזה
בײַם אַרײַנגאַנג
צום װוּנדער־שמײכל
פֿון דײַן משפּחה.

סאַלגעראַ און קאָריענטעס

דאָס מאָל האָט מען מיך משונהדיק דערלאַנגט
אַן אַמביוואַלענטן טראָטואַר,
וואָס וויל זײַן אָבער קען נישט
זײַן מײַנער.
און אין אַזאַ פֿאַרלעגנהייט
בין איך געגאַנגען
מיט מײַנע פֿרישע קאַלענדאַרן,
אויסטערלישע געשאַנקען,
וואָס קיינער וויל נישט פֿון מיר זיי נעמען.
כּדי נישט צו פֿאַרבלאָנדזשען
צווישן פֿרעמדע העלדן,
האָב איך די נעמען פֿון אַלע סטאַציעס
אין מײַן דמיון
געענדערט.
דעמאָלט איז מיר געוואָרן לײַכטער
אויסצוגעפֿינען מײַן וועג,
קריק צו די מערקווירדיקסטע שורות
פֿון די אינטימסטע בלעטערטעג.

דער דאָזיקער טראָטואַר
וויל ניט, אָדער קען ניט, באַשליסן
צי איז ער מײַנער,
וואָס עס איז נישט צו באַוווּנדערן:
דורך אַן אומפֿאַרשטענדלעכער אָפּעראַציִע
האָט מען אים אַכזריותדיק
פֿון מײַן זכּרון
אַרויסגעטריבן.
טאָ ווו בין איך איצטער געבליבן?
בײַ וואָס האָבן מיר געהאַלטן?
ווו זענען זיי, די אַלע קלוגע ייִדן?

וויגליד צו דער קאָלדרע

מײַן ירושלים ד׳ליטא
דורכן ניו־יאָרקישן תּל־אָביב —
גיט־זשע מיר אַ ברייטע קאָלדרע
כּדי צודעקן די קאַלטע פֿיס.

פּרדס־נעזוער האָבן פֿריידיק דערשמעקט
טאַנצנדיקע פּיאַטעס אויף זייער נײַעם אַדרעס;
אַ טרוים פֿון פֿאַרבן, פֿײַכטקייט, אַראָמאַט,
וואָס ציט זיך נאָך פֿון בוענאָס־אײַרעס.

שיך־פּאַראַדן, לאָנדאָנער, אַראָגאַנטע,
וואָס לאָזן זיך ניט שפּײַען אין דער קאַשע.
דורך מעלבורנער פֿרײַנד האָב איך דערהאַלטן
פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון דער ייִדישער וואַרשע.

אונטער די פֿיס, שפּילן די קינדער אויף איין כוואַליע
מיט דער שבתדיקער ״ייִדישער שעה״ וואָס פּאַפּאַ הערט.
וואָס איז דער חילוק, מה נשתּנה, פֿון דעמאָלט
ביזן הײַנטיקן דיקטאָר אין ״קול ישראל״?

די איברים פֿון מײַן קערפּער גרייכן
טשערנעוויצער מאָסקווע דורכן מאָנטרעאַלער פּאַריז,
בעט איך פֿון אײַך אַ ברייט־לאַנגע קאָלדרע
אײַנצושלעפֿערן די מידע פֿיס.

שורות וואָס האָבן אונדז געטראָפֿן

הײַנט, צום ערשטן מאָל,
האָט מײַן נײַן־יעריקער זון
זיך געטראָפֿן
מיטן נײַנצן־יעריקן בחור,
וואָס ער שטעלט זיך פֿאָר,
אַז ער וועט אַמאָל זײַן
אַ חייל.*
איינער דעם צווייטן
מיט פֿאָרשנדיקע אויגן,
זיך ערנסט באַטראַכט,
מיטן בליק געצילט פֿאָרויס
צו יענע ריכטונגען,
די פֿאַרבאָטענע,
ווּהין מ'וואַגט ניט צו קוקן,
ווּ מ'פֿילט די רויִקייט
פֿון אָט דער שוידערלעכער
איבערחזורנדיקער
אומבאַהאָלפֿנקייט.
דאָרט —
ווּ קיינער דערקענט זיך שוין ניט...

פֿרעג איך אַ צערודערטער:
ווי האָט מײַן האַנט געקאָנט,
נישט געציטערט,
פֿאַרשרײַבן אָט די שורות?..
נײַן־
און נײַנצן־יעריקער,
אַנטשולדיק,
אַנטשולדיקט.

---

* חייל: זעלנער (עברית).

אויפן שמייכל־פֿליגל

איך בין דאָך בעצם דער
וואָס כ'האָב פֿאַרלאָזט דעם "דאָרטן".
ווען כ'לויף צו אים און וויל אים דערלייזן,
זאָגט ער דווקא צו מיר "זאָלסט ניט זאָרגן".

אויף מײַן אייגענער ערד טאַקע
פֿיל איך צומאָל אַז אַלץ איז פֿאַרלוירן,
ביז כ'דערזע דעם שמייכל פֿון מײַן זון,
וואָס דערמאָנט אונדז, ס'איז דאָ אַ מאָרגן.

זכרונעוועץ

כ׳וועל דיר ירשנען מײַנע פֿאַרפּלאָנטערטע מעמואַרן,
זיי וואַרטן שוין אַלע אויף דיר פֿון יענער זײַט גאַס.
זײַ וויסן,
דאָס דאָזיקע פּעקל, וואַנדער־שטעקן,
איז דײַנס.
מײַנע געסלעך־זכרונות וועלן דיך ענדערן,
פֿאַרפֿלייצן דײַן נשמה מיט קוואַס.
אויף לאַנגיאָריקע לוסטרײַזעס
וועסטו מיטנעמען
די פּעסלעך־דערמאָנונגען
פֿאַרבנדיק דײַן איך מיט מײַן שפּראַך.
אַזוי אַרום וועסטו אַנטפּלעקן
די קינדער־טויערן,
בײַ וועלכע ס׳האָט דײַן פֿאָטער אַלס קינד געוויינט
און מיט וועמען, שפּעטער, זיך פֿאַרטאַנצט
און אַלע פֿענצטער־שמחות דערקוויקט
ביז צו דײַן פֿריש־אויסגעשטרעקטן הײַנט.
אויסגעקליבענע עפּיזאָדן
וועלכע עמיגרירן צו אַ נײַעם לאַנד,
און דאָרט, מײַן זון, איינער אַליין,
שוין אַ דערוואַקסענער
שטייט אויף דעם ברעג,
קוקט און וואַרט.

פֿאָטערס טעריטאָריע

אָט די שיף וואָס האָט אונדז געבראַכט אַהער,
איז די וועלכע פֿירט אונדז איצט צוריק.
נאָך איין רוטינע רײַזע מיינט דאָס פֿאַר איר,
בעת פֿאַר אונדז — אויף דעם שיפֿדעק — אַן אומגליק...

וויפֿל כּבוד, דאַטעס, נעמען,
אײַנגעקריצט אין הויכע שטיינער,
קיין סימן אָבער וועל איך ניט געפֿינען
פֿון יענעם הויף, ווו געווען בין איך אַ קליינער.

ניטאָ קיין לייענערס צו אַנטפּלעקן
דעם בלייכן זקן בײַם ראַנד פֿון טראָטואַר,
בעת ער וואַקלט זיך: אפֿשר בלײַבן שטיין,
אפֿשר שוין צײַט איבערקרײַצן די גאַס.

ווי אַזוי רשעות זעט אויס פֿון דרויסן,
ווי אַזוי פֿון אינעווייניק זעט עס אויס.
צו וואָס שטרעב איך, זון מײַנער?
דו זאָלסט נאָך מיר שטרעבן אויך...

זרע און זון

דער געדאַנק וואָס פֿאַלט מיר אײַן
און די ווערטער וואָס פֿעלן מיר אויס
קלעטערן איינס נאָכן צווייטן אַרויף
ביז עס קומט אַראָפּ פֿון הימל
אַ גאָט־געשאַנק, דער סאַמע שענסטער זיווג.

ווען אים איבערצוגעבן אָבער,
ווייס איך,
איז נישטאָ.
און ווער ס׳טראָגט די שולד דערפֿאַר
איבערצײַגט אַלעמען
ווי פֿאַרקערט
שטייט די וועלט.
און קומען קומט נישט
ווער ס׳האָט געזאָלט
אייביק הערשן
איבער טעג און נעכט.

זון מײַנער,
די זון,
אַדאַנק איר,
אַדאַנק דיר,
פֿאַרגעסט מען אין אַלע קאָשמאַרן,
וואָס לויערן אונדז אַרום.
נעם זשע כאָטש איין זאַץ
פֿון יענעם זיווג און געשאַנק,
פֿון יענע וווּנדערלעכע באָבע־מעשיות,
און שטראַל־אויף,
דו — מיט דײַנע ליכטיקע אויגן,

זי — מיט איר געטרײַשאַפֿט צו דעם ווינקל ערד,
און דערוואַרעמט אונדז,
זון מײַנער,
די זון,
טראָץ אַלעם,
צום געזונט
פֿון אַלע ענדרן
ביז אַהער,
אין דער לענג און אין דער ברייט,
אַזוי ווײַטער און ווײַטער,
ווי נאָר איר קענט.
יאָ, איך גלייב,
אַז אַלץ ווערט פֿאַרשריבן
אין הימל,
געחתמעט
דער זיווג,
פֿאַרגעדענקט.
דער און די,
זון און ערד,
זרע און זון
פֿון גאָט באַשערט.

לייענער־קראַנץ

בײַם פֿאַרנאָטירן אָט די פֿערזן
שאַפֿט זיך מײַן לייענער־קראַנץ.
און ווי נאָר ער דערשפּירט אָט די פֿערזן,
שטראַלט אויף בײַ מיר אַ נײַער גערדאַנק.

פֿאַר יעדן וואָרט — אַ בינע,
אַ בינע פֿאַר איטלעכן סוד.
געגנאָד פֿון דער בריאה
לויט יעדן אויג, דורך יעדן טאָג.

שטייט די מצבה ווי אַן אָפֿן ספֿר,
מורמלט אַ בלומבלאַט איר נחמה.
דער לייענער וועט צומאַכן ס׳בוך,
דער דיכטער אויסהויכן זײַן נשמה.

שפּילט זיך, קינדער

אוממעגלעך
צו ווערן אַ דיכטער
אויף דער צאַרטער
און סאַמע געפֿײַנקטסטער שפּראַך,
ווען מ׳פֿילט זיך איבערצײַגט,
אַז מע וועט שוין ניט דערלעבן
צו זײַן אַלט,
פֿאַרקנייטשט
און אָפּגעשוואַכט.

צו ווערן אַ דיכטער
אויף דער מאָדנער און רייצנדיקער שפּראַך,
ווערט פּאַוואָלינקע מעגלעך
מיטן דערנענטערן זיך פֿון די אבות,
וואָס רינגלען דיך אַרום
און פֿאַרהיטן דיך,
גראַדע דיך, מײַן צעפּלאַמטער בעל־חלומות,
פֿון יעדער ממשותדיקער
צי אויסגעטראַכטער
געפֿאַר.

מעגלעך און אוממעגלעך —
שפּילט זיך ביידע פֿאַר מיר, קינדער,
איר ווייסט דאָך נישט
פֿון קיין גבול און פֿון קײַן צער.
מעגלעך און אוממעגלעך
שפּילט זיך באַנאַנד.

ציטאַטן

בעת אונדזער דיכטער
געזעסן איז פֿאַרטיפֿט
ביַי זיַין אַרבעטטיש,
האָבן שטילערהייט
אין זיַין צימער
זיך אַריַינגעשמוגלט
איין־און־צוואַנציק
אומדערוואַרטע דיכטערס.

איין־און־צוואַנציק בליקן
האָבן רויִק נאָכגעפֿאָלגט
יעדע מינע זיַינע,
יעדן אָטעם,
יעדע שורה, יעדן טאָן
און יעדן אות.

ווען ר׳האָט אָבער זיַין בליק אויפֿגעהויבן,
זענען זיי אַלע פֿאַרשווונדן.

ווען ר׳האָט זיך שפּעטער אומגעקערט צום בלאַט,
האָט ער מער שוין ניט געוווּסט,
ווער ס׳איז דער מחבר
און וואָס איז דער פּשט...

די טאָרבע אינעם בוך

דאָס איצטיקע ליד
האָב איך שוין יאָרן
באַשטעלט ביַי מיר.
איצינד קומט די שעה
צו האַלטן וואָרט.
(כ׳האָב מיט מיַין שפּראַך אַ חוב).

נישט דער גראַם איז וויכטיק,
נאָר דער אמת וואָס אינעם שיר.
אָפּט נעמט מיך אָן אַ מורא,
ווען כ׳קוק אויף צוריק.

דער סאַמע שענסטער סאָלאָוויי, למשל,
פֿליט אין די הייכן אַהער, אַהין,
נאָר וואָס טויג אים זיַין פֿליִען,
ווען קיינער הערט ניט זיַין טריל.

וואָס צאַרטער דער פֿויגל,
אַלץ ליַיכטער זיַין פֿלי.
וואָס טיפֿער די יאָרן,
אַלץ פֿעסטער די בריק.

ניטאָ פֿאַרן פֿאָרשער קיַין אַנדערע ברירה,
נאָר עפֿענען די טאָרבע אַצינד.
פֿונעם לעדער וועט זיַין לייזערשטראַל אַנטדעקן,
פֿון וואַנעט איז זי און ווער איך בין...

איינער אַ ייִד,
אַזוי לייענט זיך אין באַריכט,
וואָס קלײַבט זיך איבער
פֿון איין תקופֿה צו אַ צווייטן דאָרף,
פֿון איין קלייט צו אַן אַנדער קלייד,
ווען אין זײַן נאַקעטקייט
איז ער ווי אַ לייב,
וואָס נעמט זיך צום האַרצן
און פֿאָרט אויס מיט זײַן לשון
אָט די היײַנטיקע
ניט־פֿאַרשרכנטע
וועלט...

שבת־זמירות

זיך אויפֿוועקן אַ שבתדיקן פֿרימאָרגן
מיטן טעם ייִדיש אויף די ליפּן.
די וועלט ווערט אַזוי אויפֿסנײַ געבוירן
מיט די אותיות, ניגון און ריטעם.

לויט די מויל־תּנועות פֿון פּאָרל
וואָס כ׳האָב דורכן פֿענצטער דערזען,
האָב איך פֿון דערווײַטנס פֿאַרשטאַנען,
אַז מײַן לשון האָבן זיי גערעדט.

כ׳האָב זיך אַזש בכּוח אײַנגעהאַלטן
ניט אַראָפּשפּרינגען צו זיי,
„אַדאַנק אײַך, — געמיינט צו זאָגן —
שײַנט דער שבת שאַגאַליש שיין".

זיך אויפֿוועקן אין אַ זוניקן פֿרימאָרגן
פֿאַרבנדיק די סביבה מיט אַ וואַרעמען בליק,
בעת פֿון וואָלקן פֿאָלגט נאָך דער פֿויגל
די תּנועות פֿונעם פּענדזל־גליק.

פּערל און דימענטן

ס׳לשון אָן ייִדן,
און זיי — אָן ייִדיש,
שווימען און פֿליִען זיי ווילן
נאָר קענען קוים פֿון זייער אָרט זיך רירן.
סאַראַ מאָדנע שפּיל אין באַהעלטעניש
ווען מ׳ווייסט נישט אפֿילו
ווער ס׳נעמט אין אים אָנטייל,
ווער דאַרף ווען מען געפֿינען.

וואַסערן און ימען
וועלכע שפּילן זייער ראָלע
זינט לאַנגיאָריקע דינאַסטיעס
און וואָס תּמיד האַנדלען
מיט סודות פֿון ווײַטע קאָנטינענטן,
וועלן אין דער שעת־הכּושר
צונויפֿברענגען
אָט די פּערל און דימענטן:
וווּנדער און חידוש
פֿון ייִדן און ייִדיש.

די גאָלדענע פּאַווע

כ׳בין באַטריבט:
די טרוקענע פּעדערן
אפֿשר שוין אויף אייביק
האָבן זייער גלאַנץ פֿאַרלוירן
און דאָך האָב איך זי
אַזוי שטאַרק ליב.

פֿונעם סטיל, פֿון דער כאַריזמע,
בעת איר גיין און שטיין,
פֿון איר לעגענדאַרן מלכות,
קיין זכר נישטאָ מער.
און טראָץ דעם
קאָן דער געפֿאַנגענער
פֿון איר נישט אַוועק.

אירע פֿאַרלאָשענע אויגן
האָבן אָנגעוווירן
די סאַמע שענסטע גערטנער,
וואָס זיי האָבן מיט זיך אַמאָל פֿאָרגעלייגט.
און ס׳טוט מיר אַזוי באַנג,
ס׳טוט מיר אַזוי וויי.

ס׳ליד פֿון דער גאָלדענער פּאַווע
איז פֿאַרשווונדן אין דער פֿרעמד,
און עפֿענען אירע פֿליגל איצט,
קומט איר אָן אַזוי שווער.
וואָס וועט זײַן מיט איר,
מיט איר לײַדנדיקן קנעכט,
מיט דעם וואָס ענטפֿערט ניט,
מיט דעם וואָס פֿרעגט נאָר און פֿרעגט?..

לשון־קדוש

מײַן מאַמיטשקעס אויגן
מיט זײער װילן צו לעבן
אָנגעפּיקעװעט —
פּונקט אַזױ מײַן ייִדיש לשון.

מײַן לשון און מײַן מאַמע
װידער באַגעגענען און צעשײדן זיך
יעדן טאָג,
יעדע שעה.

געננוג אַ קוק טאָן
אויף זײערע קנײטשן,
און סאַראַ װוּנדער —
װערן װידער יונג.

כ׳װיל דיך אָפּהיטן, מאַמיטשקע, מאַמע,
כ׳װיל דיך קושן.
ס׳װעט קײנער ניט װאַגן דיך אַװעקנעמען,
מאַמע־לשון.

אַן אַדיע־פֿאָרשלאַג

כ'לייג איצט פֿאָר
מיר זאָלן זיך געזעגענען,
הגם ס'איז נאָר אַלץ ניט קלאָר,
ווער פֿון אונדז טרעט אָפּ דער ערשטער,
ווער פֿון אונדז דאַרף בלײַבן דאָ.

גוטער ברודער,
דו צי איך — ווער פֿריִער?
ווען עס שלאָגט די שעה צו גיין אַריבער —
אַ גאַנצן יאָרהונדערט
מיר'ן דעם "אַדיע" פֿאַרציִען
מיטן לעבנס־הונגער
פֿון אויסגעשטרעקטע
גלידער־לידער.

איך,
צוזאַמען מיט מײַן טרער
וואָס רינט איצט אַראָפּ,
דאָס לייגן מיר פֿאָר.

אָדע

די גענעראַלן
פֿאַלן
איינער נאָכן צווייטן,
יעדער איינער
מיט זײַן פֿעדער
אין האַנט —
ווי שטיל ווערט אַרום און אַרום.
ווי הויך זענען זיי!

כ׳האָב געוווּסט פֿון שטענדיק אָן,
אַז ווען איינער פֿון זיי
הערט אויף צו זינגען מיטאַמאָל —
זײַן האַרץ שטעלט זיך דאַן אָפּ.
און דאָס איז גראַדע
וואָס ס׳קומט איצט פֿאָר.
איך בין סײַ דאָרטן
און כ׳פֿיל זיך סײַ דאָ.
איך געהער צו אָט דעם גאָרטן
און כ׳גיי פֿאַרבײַ מיט יענער שעה.
אומצאָליקע ווערטער
ווערן פּלוצעם פֿאַריתומט,
און אַ טייל אַנדערע
פֿאַרלירן זייער אָרט:
ווי קאַלט ווערט מיר איצט,
ווי וואַרעם איז דאָ אַמאָל געוועזן.
וואָסער טעם וועט האָבן דער נצחון,
אויב כ׳וועל מײַן פֿרייד
ניט קענען טיילן
מיט זיי אַלע,

מיט די שטרענגסטע
מאַמע־לשון־גענעראַלן,
וואָס וואַקסן טאָג און נאַכט כּסדר
אין דער לענג און אין דער ברייט,
אין דער טיף און אין דער הייך.

״קומט צוריק אַהער — בעט איך —
נעמט מיך מיט מיט אײַך!״
״כאַפּ זיך אָן אין דײַן פֿעדער — זאָגן זיי —
אויב קענסט ניט שטיין אויף דײַנע פֿיס.
איבער נעכט וועסטו דאָן פֿליִען,
קדיש נאָך דיר
וועט זאָגן דײַן שיר״...

צייכנס

דראָבנע מענטשלעך,
איינער נאָכן צווייטן,
פּאַוואָליטשקע,
שטאַרבן אַלע אויס,
און צווישן פֿיל אַנדערע דערקען איך
זיך אויך.

כ׳שרעק זיך ניט
פֿאַר דעם געזעגענונגס־ריטואַל,
בײַם פֿליסן מיט זיי פֿאַרבײַ
מיט יעדן סוף אויפֿסנײַ.

„ווי קום איך צו זיי?״ —
האָב איך פּלוצעם געוואָלט פֿרעגן.
נאָר פֿון די באַקאַנטע פּראַגע־צייכנס
איז שוין קיינער ניט געווען...

ווער פֿון אונדז...

גוטער פֿרײַנד,
האַלטנדיק דאָס טרײַבל אין האַנט,
בײַם שפּילן שאַך
צווישן אונדז
געפֿינט זיך תּמיד עמעצער
אַ דריטער, דער
וואָס איז שוין ניטאָ
צווישן אונדז.
ווען מיר סוד'ען זיך —
יעדעס וואָרט אונדזערס
ווייסט ער פֿון פֿאָרויס,
נאָר עס קומט אויס,
ווי אַלץ וואָלט ער אָקערשט אַנטפּלעקט.

בלויז אַזוי, דורך אים,
קאָן איך דערקלערן
דעם עלעקטריִע־ציטער
וואָס כאַפּט זיך אַרײַן און אַרויס
אין מײַן שטים,
די באַשטימטע הפסקות
איך געווידמעט
ער זאָל אָנטיילנעמען
אים אָט דער שפּיל
און זײַן שאַרפֿן בליק
צו אונדז געווידמעט,
וואָס צומאָל צעשײַדט,
נאָר אויפֿסניי פֿאַרברידערט
און פֿאַרבינדט.

האַלטנדיק דאָס טרײַבל אין האַנט —
ווער פֿון אונדז איז
אַט דער דריטער?..
גוטער ברודער,
ענטפֿער,
ווער!...

סימעטריש

טראָץ דעם
וואָס מיר האָבן זיך לאַנג באַמיט,
האָבן דײַן איך מיט מײַן איך
זיך ביז איצט נאָך ניט געטראָפֿן.
צי איז דען ניט
דאָס טרעפֿונגס־אָרט
אַ סאָרט איליוזיע,
שקרים־אינפֿוזיע,
וואָס וועט קיינמאָל ניט
ממשותדיק
ווערן...
דער קערפּער פֿון יעדן איינציק וואָרט
מיט זײַנע ביינער, פֿלייש און בלוט,
און דער גײַסט פֿון יעדן איך
מיט זײַנע טיפֿע מדבריות,
לויפֿן זיך כּסדר נאָך,
זאָרגנדיק אויסשליסלעך
יעדערער פֿאַר זיך.
טאָ וואָס איז, אייגנטלעך,
דער־אָ טרעפֿונגס־פּונקט, אויב ניט
אַן אויסטאַטויִרטער לאַבירינט?
וואָס טויגן, אויב אַזוי,
אַלע באַמיִונגען,
ווען עס בלײַבט אַליין דער איך
מיט זײַן כּאַאָטיש צעמישטן אַרכיוו
איבער די אַנאָנימע, אומענדלעכע,
אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציִעס זײַנע,
אין דער ברייט און אין דער טיף?
אונדזער לעבן אין עולם הזה

איז נישט מער ווי אַ פּאַראַפֿראַזע,
אַ פֿאַרקריפּלטע און בלאַסע,
וועגן דעם וואָס ס׳איז אַמאָל געווען
אויף דער צווייטער פֿאַזע.
אַלע טרעפֿונגס־פּאָרטן,
ביז דעם סאַמע לעצטן,
ווערן אויסגעמעקט.
דו קערסט זיך אום צו דײַן ווינטער,
און איך — צו מײַנעם.
יעדער איך
בלײַבט פֿאַרשפּאַרט
אין זײַן זיך,

לײַדער, לײַדער...

חלוצים־מנין

בלאָנדזשנדיקע המשכיסטן,
חלוצים־מנין,
אויף קאַפּויער
און טראָץ אַלעם
ווילט זיך מערן
ווי די שטערן
אַ שפּראַך ווערן.

ווי אַ פּאַראָל —
אונדזער ערדקיַילעך,
זאָל גיין דאָס ליד
וואָס דרייט זיך כסדר
פֿון דור צו דור.

שטייט נאָך אויף דיַין האַנט די טויב?
זי צי דו, ווער ועמען באַשיצן?
מענטש מיינט אַלץ. זיַין נאָמען
אויפֿן שפּיץ־באַרג וועסט איַינקריצן.

פֿאַר צופֿיל ווערטער זאָלסט זיך היטן.
גענוג איין פֿריַינד, אין אים גלייב.
אויפֿן מאַרק כּלערליי געטער,
אינעם האַרצן בלויז איין גאָט.
חלוצים־מנין מיינט נישט ווייניק,
פֿון אימפּעריעס ווערט היַינט שטויב.

אין וואַסער, אין פֿיַער, טשוּדאַקעס המשכיסטן,
אַ טריט און נאָך אַ טריט פֿאָרויס.
זיי זענען ניט קיין „אומדערוואַרטע“
נאָר דער אימפּעט פֿון דער שעה.

אַהער

יאָ, טאַקע אַזוי
מיר'ן נאָך וויינען...
ביז היַינט־צו־טאָג
נאָך נישט אָנגעהויבן,
נאָך נישט אוסגעפּייעט,
נישט אויסגעפּונען,
די ציַיט אונדז נישט דערלויבט,
ווי עס קען און עס דאַרף זיַין,
זיך אויסצוּוויינען
אָנטאַפּנדיק די פּליִענדיקע טיפֿעַנישן,
די פֿאַרבאָרגענע, אומבאַקאַנטע מקומות,
אַלע אונדזערע.
וויַיל פֿון אַזעלכע ערטער, נאָר פֿון דאָרטן,
שעפּט מען אַ יחיד־במינודיקן כּוח,
אַ גוואַלדיקן,
אַ הייסן,
וואָס איז פֿאַרגעסן געגאַנגען
נאָר טראָץ אַלעם געהערט ער צו אונדז
און קומט צוריק
אַ דערפֿרישנדיקער
דורך די ערשט־געבוירענע טרערן.

"האַלטן זיך ביַי די הענט... —
זאָג איך צו איַיך.
"שעם זיך ניט!" —
דאָס מאָל צו זיך אַליין,
מיט דעם שטיל־שטורמישן וויינען.
דאָס אַלץ ווי אַן אָנהייב
פֿון אַ קומענדיקן אָנהייב

אַ נאָענטן צו די צײַטן,
וואָס זענען שוין אַוועק,
אָבער בענקען אַלץ נאָך אונדז,
און שענקען־שיִקן
זייערע קוויטלעך
פֿון די טיפֿענישן,
פֿון די הייכן,
פֿון דער צוקונפֿט
אַהער.



ישׂראל־מאַראַן

טויזנט און איין נאַכט
וועסטו פֿון מיר הערן
וואָס איז אַזוינס
אשכּנז,
נאָר וועסט קיין וואָרט ניט פֿאַרשטיין.
אַז
שוועבנדיק
אָן דער משׂא פֿון טעכניק,
אויף קלאַנגען פֿון גלעטנדיקער מוזיק,
וועט דער קלעטערנדיקער בליק,
נישט קיין אַנדערער נאָר דײַנער
זיך אָנטרעפֿן מיטן באַיאָרנדיק־
איבערצײַגנדיקן געזיכט
פֿון יענער גוטער באָבעשי,
וועמען האָסט נאָך ביז איצט
ניט געהערט,
ניט געזען,
ניט געפֿילט.

און בלויז דעמלט וועסטו לאַנדן
אויף יענעם פּלאַנעט, דעם אויסטערלישן,
מיט זײַן שיינקייט און טונקלע חורבות,
וווּ מ'האָט אַמאָל גערעדט
אויף עברי־טײַטש־אשכּנזיש,
אויף דעם פּלאַנעט
וווּ דו ביסט דאָך פֿאָרט אַמאָל געווען,
נאָר דײַנע פֿאַרעקשנטע אויערן
האָבן כּסדר געשריגן ״ניין!״

גיי אַרויס פֿון באַהעלטעניש,
ישׂראל־מאַראַן,
געננוג זיך מאַכן נאַריש.
דאָך איז דײַן ניגון אשכּנזיש.

גרייטער פּאַמפּלעט

ישראל־מאַראַן,
האָסט אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען מײַן ווייגעשריי.
כ׳וועל ניט אָפּטרעטן פֿון דאַנען.
צו מיר, ווי צו דיר, באַלאַנגט
אָט די פּוסט־זאַמדיקע ערד.
איצט בין איך אָנגעצילט
צו באַפֿרײַען דעם אהבה־קוואַל
וואָס אין דיר שטעקט.
דער קידער־ווידער
צווישן מלרע און מלעל.

כ׳וועל ניט אַוועק.
לבסוף וועסטו דווקא
אויפֿהייבן די הענט:
„כ׳בין גרייט״ —
וועסטו דערקלערן
אָנצונעמען דעם מאָדעל,
וואָס יאָרנלאַנג האָסטו
אַזוי ביטער באַקעמפֿט.
דער קידער־ווידער
צווישן מלרע און מלעל.

ווי אַ ליכטטורעם שטייט
די „גאָלדענע קייט״
האָסט אָבער תּמיד געמיינט
אַז אַ געזאַלבטער סימבאָל
דאָס ביסטו אַליין.
סאַראַ אוזורפּאַטאָר ביסט געווען.
צי געהערט נישט די־אַ קרוין

צו כּל עם ישׂראל?
דער קידער־ווידער
צווישן מלרע און מלעל.

וויאַזוי האָסטו געוואַגט
פֿאַרלייקענען דײַן שטאַם?
נאָר כ׳האָב קײַן פֿאַראיבל ניט, כ׳ווייס,
אַז אויפֿסנײַ וועסט זיך פֿאַרבינדן
מיט דײַן לאַנגן ״ווינד און וויי״.
און וועסט רחמנות האָבן,
נישט אויף אונדז — נאָר אויף זיך אַליין.
פּלוצעם וועסטו אַנטפּלעקן,
אַז ניט אין שליטה ליגט דער כּוח,
נײַערט אין געפֿיל, אין געביין.
מיט זיי ביידע, פֿאַר אַ נײַעם בראשית
וועסטו שטיין.

מאַראַן אין Israel —
האָסט אַלץ ניט פֿאַרשטאַנען מײַן ווייגעשריי?!
דער קידער־ווידער
צווישן מלרע און מלעל.

וואָס איז אײַער הו־האַ אַרום דעם כנרת?

פֿאָרנדיק
מיט די קריכנדיקע פֿעלדזן
פֿון רעכטס און לינקס,
און מיט דעם שאָסיי אונטער די רעדער פֿון אויטאָבוס
דערהער איך
די דענערווירנדיקע התפּעלות
פֿון יענע פּאַסאַזשירן,
וואָס דערזעען דאָרט אונטן
דעם כּנרת,
אַנדערש ווי איך,
וואָס כ׳בין געבליבן פֿאַרהאַקט
אין דער דרום־צײַט
פֿון אַן אַנדערן קאָנטינענט,
און כ׳האָב נאָך ביז איצט ניט געפֿונען
די ריכטיקע אינהאַלטן
צו די ריכטיקע ווערטער
כּדי זיי — די פּאַסאַזשירן —
מיט דעם פּאָסטקאַרטל־פּײַסאַזש,
זאָלן סוף־כּל־סוף לייענען מײַן מיין
צו ליגן, פֿאָרן און שטיין
אויף די אַנדערע אינערלעכע,
פֿילפֿאַרביקע מאַפּעס,
וואָס אויך זיי געהערן צו זיי.
קיין געמיינזאַמע פּאַנאָראַמעס,
קיין גראַמען,
בהדרגהדיק אָדער גיך,
שאַפֿן זיך ניט
צווישן זיי און איך,
צווישן דער אַנטוישונג

וואָס לויפֿט פֿאָרויס
און דער האָפֿענונג
וואָס טראָפּנווײַז קומט צוריק.

ס׳נעמט מיך פֿלוצעם אַרום אַזאַ געפֿיל:
אָט די הויכע בערג
וואָס גייען גלײַך אַראָפּ פֿון זינען
צום כּנרת,
וועלכער דערנענטערט זיך
דראָענדיק זיגזאַגיש צו מיר,
ווי אויך די טשערעדעס פֿעלדזן
און דער שלענגלענדיקער שאָסיי,
וואָס זענען זיי אַלע שולדיק זיי?!..

שבועה אויף עברי־טײַטש

„ארץ זבת חלב ודבש״.*
ווער האָט זיך געריכט:
אַ שפּראַך זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד
טאַקע אין איר אייגענעם לאַנד?!

„אם תרצו אין זו אגדה״.
צווײַגן פֿון איין וואַלד, אַ גאַנצן:
אַרום איין טיש, פֿיר המשכיסטן,
אויף טלאָמאַצקע דרײַצן.

„אם תשכחך״ מאַמע־לשון,
אויסגעלאָשן זאָלן ווערן די ליכט
אויף דער חושך־שוואַרצקייט
פֿון מײַן נאַכט.

* מיטן ספֿרדישן אויסרייד.

היילונגס־עפֿעקט

די זאַמדן — זיי אַליין
ממש נייטיקן זיך
אין געבורט פֿון דײַן שיר.
און נישט נאָר זיי.
אויך טײַכן, פֿיש און פֿייגל אַלערליי...

(לידער טראָגן נײַע לידער
מיט קאָנטראַפּונקט־מרידות,
מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ אַפֿילו
און מיט זײַטיקע זמירות).

ס׳קערט זיך אָבער אום
דער באַשטימטער זמן פֿון
קלאַנגען־באַוואַסערונג,
וואָס שפּרינגט אַרויס
פֿון דער לונג,
פֿון דער צונג,
וואָס אַדאַנק די פֿרומסטע תּפֿילות
סוף־כּל־סוף קומען קומט
ער מיט זײַנע גלעטן־באַמיִונגען
פֿון נידעריקע טענער
און העכערע, מיט פֿײַגן טרעפּלעכע
און זייער נסימדיקער
היילונגס־עפֿעקט.

לטובת אַלע געוויקסן,
לטובת דעם מרחק און רוים,
מיט דײַן אמונה
זינג און לויב,

און דײַנע קלאַנגשטראַלן
װעלן אין זײ זיך אָפּשפּיגלען
ביז ענדלעך אױך דערװאַרעמען
דײַן הױט.

זינג און לױב.
אױך זײ, די זאַנגען אױפֿן פֿעלד, זאָלסט װיסן
ממש חלשן פֿאַר אַ טראַף דײַנעם,
פֿאַר אַ ברעקל סטראָפֿע, אַ ביסן...

אױב אָבער
ס׳פֿאַרשפּעטיקט, חלילה, דײַן קול,
װערן די װאַסערן באַפּעסטיקט,
װעלדער פֿאַלן אונטער,
װאַדיס װערן דערשטיקט,
און עס פֿאַרשװינדן אַלע װעגן
בלינדערהײט.

טאָ האָב רחמנות אױף זײ.
מאַך אױף דײַן מױל,
די נאַטור באַשרײַב אין אירע אײדלסטע טענער
און ראַטעװע דײַן הױז.

פֿאַרגוואַלדיקטער בוקעט

דער בוקעט
פֿון די זיבן טעג
ווערט פֿאַרגוואַלדיקט, געשענדעט, צעוואָרפֿן,
ביז עס בלײַבט מער קײן סימן נישט
פֿון דער אַמאָל בליִענדיקער וואָך.
יעדער טאָג ליגט איצט באַזונדער,
קוים ער וואַקסט פֿאַר זיך אַליין,
ביז עס קלאַפּט די שעה
ווען מע קען שוין ניט מער...
דאַן ווערן זיי כּסדר ענלעך
צו אַלע פֿריִערדיקע קומענדיקע טעג.

זייער סדר
ווערט נעלם.
און וואָס עס באַקומט זיך
איז אַן איין־אונאײנציקער,
פֿאַרקריפּלט, אַנאָנים־דעפֿאָרמירטער
טאָג.

גאָט מײַנער,
גיב אַ טראַכט.
ווען דו האָסט אים,
אָט דעם טאָג, באַשאַפֿן,
האָסטו ניט על־פּי טעות
אין אים געלאָזט שטעקן
די נאַכט?

דערמאָן זיך, ביטע,
וויאַזוי און פֿאַרוואָס
האָסטו צווישן זיי ניט אָפּגעזונדערט
דאָס מאָל?

נעם צוריק
אָט דעם טאָג,
וואָס איז אַראָפּגעקומען פֿון אויבן
מלא־פֿינצטער אין די אויגן
און געפֿינט זיך צווישן צוויי קאָשמאַרן
אויף אַ מיאוס־פֿאַרעלטערטן אָרט,
בעת יעדער פֿילט
ממש דאָ, אין האַלדז,
אַז ער איז פּראָסט און פּשוט גאָרנישט
און דאָס איז פּאַקטיש אַלץ.

אין חלום הער איך
דעם "גוט־מאָרגן" פֿון מײַן קול,
ווען די שטערן רוען נאָך
און ס'וואַכט־אויף די שטאָט.

אינטיפֿאַדאַ איינס־צוויי!...

פֿליִען, פֿאַרשווינדן,
קעמפֿן, לויפֿן, גרייט.
צווישן שמאָלע געסלעך,
אַ קינד מיט אַ שטיין.

אַ באַרג פֿול שינאה
פּלאַצט אַרויס פֿון די אויגן.
פֿון מעמד הר־סיני,
זאָל ניט ווערן קיין קוילן...

וויאַזוי פֿון אונדז ביידע
ווערט פּלוצעם איינער.
זוך אויס דעם סוף פֿון שפּיל
דעם רואה־ואינו־ניראה־ווינט...

צי קאָנען מיר איבערזעצן די שורות?
צי קאָנען מיר טוישן ברכות?
צי קאָנען מיר בייטן ראָלן?
צי קאָנען מיר טוישן תּקופֿות?

פֿון וואַנען שעפּט מען אַזאַ כּוח
פֿון שינאה, האַס און טומאה?
פֿאַר די אויגן — נייַע בילדער,
נאָר תּמיד די זעלבע מלחמה.

זאָל מיין קויל דאָס קינד אויסמיידן,
און זיין שטיין מיר'ן פֿאַרגעסן מאָרגן.
אויב ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל,
מוז ער פֿאַר אונדז ביידע זאָרגן!

ווּ האָב איך די שליסלען?

טרײַבנדיק מײַן אַלטן אויטאָ אויף שדרות איבן גבירול,
בין איך געוואָרן מיטאַמאָל
אַן אומגעלומפּערטער גאַסט
אויף יענעם דרײַ־און־פֿערציקסטן יאָר,
אין דײַן באַראַק,
בעת דו, מיט דײַן געשוואָלענעם בליק,
פֿאַרטרויסט מיר דײַן לעבנס־סעקרעט,
געגנוי וויאַזוי האָסט זיך פֿון דײַן פֿאָטער געזעגנט
און האָסט אים שוין שפּעטער
מער קיינמאָל נישט געזען.

צי בין איך אַ גאַסט בײַ דיר,
צי אפֿשר דײַן גאַסטגעבער...
די לאַסט וואָס מיר טראָגן איצטביידע
וואַקסט, אָטעמט מיט אונדז כּסדר.
צוגעשאַרט און געטרײַ
איז צו אונדז געוואָרן דער טויט,
און אַנטקעגן אים — די שטימונג
פֿון אַ פֿאַרפֿוילטער קאַרטאָפֿל,
טראָגט זיך מיט אונדז אַרום,
(פֿון דיזנגאָף ביז איבן גבירול)
וואָס אין איר איז אָפּהענגיק
דאָס הײַנטיקע לעבן פֿון אַמאָל,
פֿון אָט דער פּולסירנדיקער
העברעיִש־שרײַענדיקער שטאָט.

צו אַלדי שוואַרצע יאָר!
אין וועלכן ווינקל
האָב איך פאַרקירט מײַן מאַשין?
אין וועלכער קעשענע
האָב איך די שליסלען?
ווי קריכט מען פֿון דאַנעט אַרויס?

אומענדלעכע באַן

עס פֿאָרט נאָך טאָג און נאַכט קײַן אוישוויץ
די דערשטיקנדיקע, פֿולגעפּאַקטע באַן מיט ייִדן
און אויף די מאָדערנסטע אויטאָסטראַדן גלײַכצײַטיק
פֿאָרט גיך־גלײַכגילטיק אַדורך
אַ כּסדר וואַקסנדיקע צאָל אויטאָמאָבילן.
די פֿאָרן
און אויך יענע פֿאָרן,
און איך אַליין ווייס נישט
וווּהין מײַנע רעדער פֿירן.
(נאָר ווער בין איך בעצם
איך זאָל זיי ווענן דעם פּרעגן).
כ׳שעם זיך, כ׳האָב פֿײַנט דאָס רעאַגירן
פֿון מײַנע טיפּשותדיקע טרערן.
צי וואָלט נישט געווען בעסער,
מיר, די אַלע פֿאָרנדיקע,
זאָלן זיך אָנשפּאַרן
אויף אונדזער טיף־פֿאַרבאָרגענעם צאָרן
און שעלטן ביזן אחרית־הימים
די רעלסן צוזאַמען מיט די אַלע אויטאָסטראַדן,
און זיי גרינטלעך צעשטערן,
כּדי אונדז צו באַפֿרײַען
און אומקערן
דאָס אמתדיקע געשטאַלט
פֿון די אייביק־פֿאָרנדיקע ייִדן,
פּונקט ווי זיי זענען
אַמאָל געווען?
דער רויך פֿונעם צעווילדעוועטן לאָקאָמאָטיוו
מעקט־אויס אין הימל אַלע וואָלקנס
און מיט זיי אויך אַלע תּפֿילות, שפּורן, תּחינות,
איבערלאָזנדיק פֿון לינקס צו רעכט די אויפֿשריפֿט אוישוויץ.

געשריי פון קאָרידאָר

וויאַזוי האָסטו געקענט,
וויאַזוי האָסטו געוואַגט
אָנגיין אין דײַן שווײַגן
בעת מ׳האָט אונדז דאָרטן אַלעמען אומגעבראַכט?

שווײַגנדיק אין פּאַלעסטינע אויף
דער נײַ־אויפֿגעלעבטער שפּראַך...

געזאָלט האָסטו דעמאָלט
אַרויסגיין פֿון די כּלים,
קריכן אויף די ווענט,
אויפֿרײַסן דעם האַלדז,
פֿון אַלע פֿאַרצווײַגטע נעצן־יאָרן
און מיט אַלע לעבעדיקע אברים
וועלכע זענען דיר באַשערט געוואָרן,
גיין און מאָנען, טאָג און נאַכט.
די שטומקייט דײַנע אָבער
האָט אונדז אַלעמען
פֿאַרראַטן.
כ׳מוז זיך צווינגען
אַזש מיט כּוח, באַוועגן מײַנע ליפּן,
זיך אויסדריקן, באַצייכענען
דײַן טאַט.

שווײַגנדיק אין פּאַלעסטינע אויף
דער נײַ־אויפֿגעלעבטער שפּראַך...

ווי ביטער, ווי שווער,
ווי פּײַנלעך, ווי פֿרעמד
קומט מיר אָן
אַרויפֿצובערענגען אויף מײַנע ליפּן
אַזאַ שרעקלעך וואָרט;
שעם זיך
אויס פּײַן און ווייטיק.
דײַן זינד איז דאָך בפֿירוש
נאָך ערגער ווי שמד!
בײַ דײַן געזינדל בעט מחילה
פֿאַר דער שאַנד
וואָס האָסט אים פֿאַרשאַפֿט.

שווײַגנדיק אין פּאַלעסטינע אויף
דער נײַ־אויפֿגעלעבטער שפּראַך...

אויב דו האָסט נישט דאַן געשריגן,
טו דאָס כאָטשבי הײַנט.
ס'איז שוין צײַט
מאַך־צו די פֿויסט פֿון דײַנע אויגן
און לויף לענגאויס
דעם קאָרידאָר פֿון דײַן געשריי.
וועק אויף דײַן ווינט און וויי,
באַפֿרײַ זיך
פֿון יענעם "שטיין און שווײַגן",
וואָס ליגט אונדז אַלעמען פֿאַרהאַקט
אויף אונדזער ארץ־הארץ.

דײַן אוראייניקלס קול
ווי פֿון אַן אָראַקל,
ווײסטו דאַן דערהערן,
ווען ער וועט צו דיר רעדן
און זאָגן "אַ דאַנק".
און פֿון ווידער און נאָך אַ מאָל "אַ דאַנק",
עפֿנט זיך פֿאַמעלעך אויף צום הימל
אַ ריזיקער קינדערכאָר־געזאַנג.



איראַנישער וועטער

די לעבערלעכע שטאָט, די פּרעמדע,
אויפֿן צוגעזאָגטן לאַנד, טאַקע מײַנעם —
אין דער שאַפֿע הענגענדיקע העמדער
ניט אין אַנקלאַנג איינקלאַנג מיט מײַן געמיט, קיין איינער,
און ניט צום דרויסנדיקן וועטער —
(ווער קען אים בכלל פֿאַרשטיין).
מיט פֿיס אַרויף שטייען די הײַזער,
און דער הימל פֿאַרשטופּט איז אין די קעלערס.
דריי איך זיך און דריי זיך
אָן קיין צוועק, אָן קיין כּיוון,
מיט דער זאָרג און מורא
מ׳זאָל מיך, חלילה, ניט פֿאַרבײַטן
מיט אַלע אַרומיקע קעגנערס,
וואָס שפּרינגען פֿאַר די אויגן,
און עס באַפֿאַלן מיך טויזנטער נעמען
פֿון אַ צווישן־געסלעך־פֿאַרשטאָפּונג,
וואָס שלעפּט מיך פּלוצעם אַוועק
ערגעץ־ווו צו ווײַטע תּקופֿות
לענגאויס צעקריגטע דאַטעס
פֿון זינלאָזע דעמאָנסטראַציעס.
חוץ רחמנות — איז אַלץ פֿאַראַן דאָ.
אַ שטײַגער: צאָלרײַכע פּרצופֿים
וואָס כּסדר אַנטלויפֿן
פֿונעם זעלביקן אָרט,
ווו דער זייגער מיטן בויך־ווייטיק
פֿיר־און־צוואַנציק שעה
רעדט צו דער וואַנט
און זאָגט:
ס׳איז די איינציקע שטאָט

וואָס דו האָסט,
וועלכע געהערט שוין לאַנג נישט צו דײַן לאַנד
ווו ס'וועט שוין ניט קומען
דײַן גוטער פֿרײַנד
מיט וועמען דו האָסט זיך אַמאָל אָפּגערעדט
אויף יענער זײַט ים...

שטרײַקנדיקע העמדער,
וואָס גיבן זיך אונטער און הענגען
אויף דער שטאָט־לעבערלעבקייט,
ווי פֿרעמדע,
אינעם צוגעזאָגטן לאַנד.

תל־אָביב

איך פֿאַרשליס איצטער מײַן טיר
און איך דערזע אויך די טיר
וואָס כ׳וועל שוין ניט פֿאַרשליסן מאָרגן,
איבערמאָרגן,
אין אַ וואָך, אַ חודש, אין אַ יאָר אַרום.
גראַדע אַזוי,
שטעל איך מיר פֿאָר,
האָט אויך מײַנס אַן אורזיידע געטאָן,
בעת ער האָט זײַן שטאָט פֿאַרלאָזט.
פֿאַרטיקע טעג פֿאָרן אַדורך,
שפּיגלען זיך אָפּ,
איינע אין די צווייטע,
דערציילן מאָנאָטאָן
אין וואַגאָנען־סטראָפּעס,
וואָס עס איז מיט זיי געשען,
און סע שטימט גענוי
מיט אַלץ וואָס ס׳האָט
מיט מיר אַמאָל געטראָפֿן.

שטאָט מײַנע,
ווו ביסטו?
מײַנע טעג, מײַן טיר,
ווו זענט איר?

תל־אָביבער פּיס־מינוטן

האַרמאָנישער בינשטאָק
ווו כ׳פּיל זיך און איך בין
צווישן פּיל אַנדערע בינען
נישט געבוירן,
נישט געפּלויגן,
נישט דערצויגן,
און טראָץ אַלעם
פֿון קאָפּ ביז פּיס
גוט איינגעשרויפּט
אין דעם פּלאַכלאַנד
דעם מאָדערנעם,
אויף דעם ״פּרילינג־
בערגל״ מיינעם.
מיין נערוועזע כאָרעאָגראַפּיע
״תל־אָביבער פּיס־מינוטן״,
סאָרטירטע דורך ליכטסיגנאַלן
און דעם בלוטדרוק, דעם קאַפּוטן.
מיין תל־אָביב ,דאָס ווייס איך,
איז נישט דיינע,
און דיינע, מן־הסתם —
נישט זיינע.
אַזעלכע אין די טויזנטער
אויפֿן מאַרק זענען פֿאַראַנען,
בעת דער דורכשניטלעכער תּושב אירער
בלייבט פֿאָרט אַן איינזאַמער...

דער ים־ריוואַל ברויזט און רוישט
"ערשטנס — בין איך קעגן!..."
צו דעם זאַמדגאַרטל לענגאויס
די תּל־אביבער ברעגן.
קאָסמאָפּאָליטישער הימען,
אָפּגעדראָשענע טראָטואַרן,
אָפּגעדאַוונטע הימלען.
אײַפֿערזיכטיקע קוואַרטאַלן
מיט אַ חלום אַ באַנאַלן
פֿון ענדלאָזע קאַלענדאַרן.
און דאָס איז אַלץ: —
העברעיִשע שטאָט פֿון בלוי־ווײַס און זאַלץ.
אויב אין מזרח "עיר הקודש",
זאָל אין מערב "עיר החול" זײַן.
די פֿאַרעלטערטע דאַמע
נייטיקט זיך אין מער רעקלאַמע.
שטאָט פֿון דעקאַדענץ־קאָנצעפּציעס,
העלעניזם־ניהיליזם,
דאָלאַרן־טראַנזאַקציעס,
מיט אַ שטאָך פֿון פּאַטריאָטיזם
אָן קיין איבעררײַס!

הדר יוסף*־פּאָרטרעט

ניחבא־בין־הכּלימדיקע,
מיט אַלע פֿאַרמלחמהדיקע קהילות,
אָט די שכונה
וואָס לאָזט זיך אַזוי ליב האָבן
שטילערהייט.
און איך שטיי אַנטקעגנאיבער
באַוווּנדערנדיק דעם פּאָרטרעט
וואָס כ׳האַלט אין די הענט.
הדר יוסף,
(איר בּיאָגראַפֿיִע — איר סעקרעט)
דאָס צפון־פֿינגערל
פֿון דער ערשטער
העברעיִשער מעטראָפּאָליִע...
נישט ווייניקער, נישט מער.
הדר יוסף,
די דאָזיקע שכונה,
רויִקייט־דאָזע,
וועלכע געפֿינט זיך
פּונקט אויפֿן אָרט
נאָך וועלכן זי בענקט.
אַ הויף, אַ שכן,
אַ טונקל וועלדל, ווײַסע ווענט,
רומענער, תּימנער,
אַלץ געוועזענע,
מײַדן אויס זכרונות, און שאַפֿן
יעדער איינער און צוזאַמען,
אַ באַזונדערע וועלט.

* הדר יוסף, אַ רינגוויײַזער קוואַרטאַל אין צפון־תּל־אביב.
זײַנע געסלעך טראָגן נעמען פֿון ייִדישע חרובֿע קהילות.

מ׳וווייסט נישט דאָ פֿון גרויסער קינאה,
קיינער שטערט ניט קיינעם,
אָבער אַ קרום אויג, דאָס יאָ, האָט מען
צום דיזנגאָף־צענטער,
וואָס זײַן פּרצוף בײַט כּסדר.

ניחבא־בין־הכּלימדיקע
מיט אַלע פֿאַרמלחמהדיקע קהילות,
אָט די שכונה
מיט אַן אָפֿיציִעלן שטעמפּל
אויף דער פּראָזע פֿון דאָ און איצטער,
ווײַל זײַן אַ דענקמאָל
פֿאַר יענע ברעקל־שטעטלעך,
וואָס זענען אין דער נשמה
אַמאָל געווען,
און קוקן צו מיר אין די אויגן
דורך די מילדע שטריכן
פֿון אָט דעם הדר־יוספֿדיקן
פּאָרטרעט.

טעלעפּאַטיע

אויטאָמאַטישער שמייכל
פֿונעם שמייכלענדיקן אויטאָמאַט
וואָס פֿאָלגט נאָך געהיימע אינסטרוקציעס
פֿון אַ שכנותדיקן שטאַט.

דאָס הויז פֿירט זיך אַליין
לויטן מעניו, לויטן פּלאַן.
אַלע קנעפּלעך אויסגעקוועטשטע,
קיין סורפּריז וועט דאָ נישט זיין.

ס'אַרט נישט קיין געפֿילן,
העיקר — דער רעזולטאַט.
וויפֿל ס'דאַרף אַרויס,
וויפֿל ס'קומט אַריין.

די העפֿלעכע גלייכגילטיקייט,
די גלייכגילטיקע העפֿלעכקייט,
אויסגעטאָקט ביזן לעצטן פּרט,
צוגעשפּיליעט עלעגאַנט,
אויסגעסדרט אַקוראַט,
וועלכע דינט דעם הערשנדיקן
קויפֿן־אויספֿאַרקויפֿן,
סיסטאָלעס־דיאַסטאָלעס,
ריזיק־קינסטלעכן אַפּאַראַט.
צו דער טעלעפּאַטישער שטומקייט
און דער שטומער טעלעפּאַטיע
וואָס האָט זיך, ווי אַן אָנשיקעניש
פֿאַרשפּרייט איבערן לאַנד,
וואָס קענען שוין ווערטער זאָגן,
ווען זיי אַליין, אויף זיך, מאַסקעס טראָגן?

דאָס געוויסן
לאָזט אונדז ניט שווײַגן.
ער אַליין אָבער
איז פֿון דאַנען אַנטלאָפֿן.

בײַטאָג אויפֿן מאַנהעטן־מאַרק

צי איז דאָס גאָר אַ פּעדלער װאָס
אינסטינקטיװ שטרעקט אױס זײַן האַנט,
צי אפֿשר די סטאַטוע פֿון יענעם
קוואַזי־לעגענדאַרן אַלמיראַנט?

צי אפֿשר אַ שוואַרץ־הויטיקע מאַדאַם
פּונקט בײַם אָפּשטעלן אַ טעקסי,
אָדער אַ מין כיטרעדיקער רמז
פֿון אַ טענצער, פֿלינק און סעקסיש?

דער טענצער און דער אַלמיראַנט,
דער פּעדלער און די מאַדאַם
האָבן צווישן זיך קײַן שייכות ניט,
דאָך ווי אַ גוט־אַרטיקולירטער
פֿיר קערפּיקער מאָנסטער
באַוועגן זיי זיך...

צו דעם שפּיציק־געאָמעטריש־שטײַגנדיקן
האָריזאָנט פֿון די "מאַנהעטן"־בערג
ווערט דעם מאָנסטערס בליק געצילט.
אייגנטלעך איז ער ניט
מסופּנדיק
ווי ער זעט אויס.
ס'איז נאָר אַ טייל פֿון שפּיל.

און ווער באַוויַיזט זיך פּלוצלינג דאָרט אויבן
אויף יענע געגנוי־סימבאָלישע דעכער,
אויב נישט דער מחבר
פֿון "אויב נאָך נישט העכער",

וואָס האָט דעם מאָנסטער צוגעצויגן
צו זײַן ליבשאַפֿט־בעכער,
צו דער אָפֿענער זיסקייט־אַלעע פֿון זײַנע אויגן,
און דאָרטן, אַקאָרשט,
נאָך לאַנגיעריקע אונטערבאַנישע מלחמות
וועלן די־אָ פֿיר נשמות
מחייהדיק זעטיקן
זייער ניו־יאָרקיש־קאָלעקטיוון
דאָרשט.

אַ מעטראָפּאָליע, נעבעך...

וואָס קען מען טאָן!...
מ'איז דאָך נישט מער ווי אַ שטאָט!
אַ פּונקט אויפֿן קאָמפּיוטער קוים,
וואָס מיט זײַן גימנאַסטיק און קוויטשען
פֿאַרוועדט יעדערן פֿון צימער צו אַרויס...

פּישל איז מײַן וויניצע
און מיכאל מײַן נוסח בעלץ.
הײַנטצײַטיקע מאַפּעס און דעות
קערן איבער זייער פּעלץ.

בוענאָס-אײַרעס איז מײַן וואַרשע
און וואַרשע מײַן תּהום...
דײַן זכּרון שטרענג אָן,
ר'איז דײַן מלכות און אויך דײַן קרוין.

עיר הקודש איז מײַן וואַקלעניש,
אין יעדן ווינקל זי גייט מיר נאָך.
צעקריגטע וואָקאַבולאַרן
זענען זיך חושד, מײַדן זיך אויס.

פּראָפֿעט איז נישט פּונקט אַ נביא,
יעדער ווייסט "אֵין נביא בעירו".
מיט אַ שטאָט אויף די פּלייצעס
וואַנדער איך פֿון פּלויט צו פּלויט.

ווײ־טאָג — פֿיר און צוואַנציק שעה

אַ געוויסער ווייטיק
אָן קײַן געוויסן
ביז וואָסער לעצטער שעה וועט ער זיך ציִען,
אויף וועלכן לעצטן ברעג וועט ער אויפֿהערן,
זיך אומקערן כּסדר
זיך זעלבסטציטירן
מיט זײַנע רעדער־קייטן,
און בריִען־צווינגען אַלעמען
גאַנצע נעכט זיך ברעכן־בייגן,
וואָס לאַנגזאַמער
אַלץ לויטערער
בייגן
אויך דעם וואָס ממש פֿון אינגעווייידן
באַמיט זיך אויף אים גובר־זײַן
אפֿילו ביז צום לעצטן גראָשן.
ווי אוממעגלעך, ווי אומפֿאַרמײַדלעך,
ווי ווײַט דערגייט ער
אָט דער בוכשטעבלעכער אויסלייג
פֿונעם ווייטיק?

צי קען מען ניט ווי־עס־איז
אים צעשיטן, צעשטערן,
אויף הונדערט־טויזנט וועגן,
וועגן וואָס און ווען,
ווו און ווער,
וועגן
צו אַ געוויסן אומדערגרייכלעכן
ווײ־טאָג און ווינד איז מיר,
וואָס הייבט פּאַמעלעך אָן צו טאָגן

מיט אַ בלייכן פֿונק,
אַן אומדערוואַרטן,
פֿון אַ נאָר־וואָס ערשטן
בראשיתדיקן
שטערן.

נישט מער

איך
בין נישט איך.
כ׳בין זיי אַלע,
וואָס שטופּן מיך,
וואָס ווײַזן מיר
וווּהין צו גיין,
וווּהין צו ווענדן
מײַן בליק, מײַן טריט,
וועלכן טאָן
אויסקלײַבן וועט
מײַן שטים, מײַן קול,
מיט וועלכער קראַפֿט
אָנלאָדן
מײַן יעדער וואָרט,
געמאָסטענער ריר
כּדי טיר און טויער
דורכברעכן, צעשמעטערן
און מאָנען־וועקן
אַ גאַנצע וועלט,
לויט איין באַפֿעל פֿון
מײַנע־זייערע
כּסדריקע
הענט
און ליפּן,
אויגן, ווײַ...
אַלע זייערע פּיס
פּלאַסטערן אויס מײַן כּיוון,
אַלע זייערע אָטעמס
געצילטע צו מײַן רוקן,

אַלע זייערע ווערטער
ווײַזן אָן מײַן וועג.
איך,
אַרויס פֿון זיך,
אַרויס פֿון די כּלים
און צוריק בײַ זיי.
איצטער נאָך אַ מאָל
מיט די הענט, נעם זיך,
מיט די פֿיס,
מיט דײַן גאַנצן קערפּער,
אינוואַדיר אַלע ערטער,
דערגרייכנדיק די בינע
ממש ווו
איך
בין נישט איך,
כ׳בין נאָך מער,
כ׳בין נישט מער!..

איי־בי־טויער

ריזיקע ווינטער־רײַזע
אַרום דער טרויעריקייט
פֿון אַט די טויזנטער פּנימער
פֿון פֿרויען,
מענער און קינדער,
וועלכע קלײַבן זיך
צונויף איצט
בײַם טויער.
יעדער סעקונדע
(ווי זויער און ווי ביטער איז זי),
פֿון אַט די שטומע מײַלער
שטעכט און דויערט
אַן איי־בי־קייט,
וואָס ווערט אײַנגעמויערט
מיטן ציל אָפּצושטויסן די סכנה, וועלכע לויערט
אויף זייער זכּרון
און אויף זייער צאַפּלענדיקער אמונה.
יעדער סעקונדע שטעכט און בויערט
מיטן ציל קאַפּויערשטעלן
די הימלשרײַענדיקע עוולה,
וואָס פּלאַצט ווידער אויפֿן אויער,
(ווי קענען זיי
נאָך אַלץ שטיין
אויף די פּיס?).
ווי שווער און ביטער ס׳איז
אַט די באַדויער־רײַזע,
וועלכע שליסט זיך, הייבט זיך אָנעט,
לעבן דער שרעק
פֿון אַט דעם סאַמע מעכטיקסטן
טויער.

יסורים־ספּיראַל

ס'דריקט אויף אונדז די פּײַן
מיט איר
עקסקלוסיווער
מאָנאָפּאָל־פֿאַרביסנקייט,
מיטן ציל
צו דעמאָנטירן דײַטלעך
אַלע רעוועלאַציעס,
העראָגליפֿישע באַדײַטן אירע,
זײַנען
מיר דערפֿאַר ניט פֿרײַ,
אָן מײַלער,
ביז מיר וועלן
אויסזוכן־אויפֿקלערן
אַלע פֿאַרוואָסן
און פֿאַרוועגען
פֿון אירע אוראַלטע
געהיימע פּלענער.
הגם ס'גייט וועגן איר תּמיד אַ רייד —
פֿון קײַן פֿרײַנדשאַפֿט ווייסט זי ניט
און נוצן נוצט זי פֿײַער־טענער
בײַם באַהערשן סטאַציִעס, שטרעקעס,
בײַם צעשמעלצן האַרדעס שונאים.
די פּײַן
וואָס שטרעבט
ווי נאָענט, ווי ווײַט
נאָר גרייכן, בײַסן, זײַן.
אירע יאָמער־שטײַערן
פֿאַרציט זי דערווײַל
אומעטום

מער ווי איבערצײַגט
איבער גבול און צײַט.
איבעראַל
באַשרײַבט זי
אירע שמייכלען שמײַסן תּאווה
ממש פֿונעם טײַוול
מיט אַלע אייגענע קאָנטורן,
וואָס וויל פֿון גאָרניט וויסן
חוץ איר אָבסעסיווע ריכטונג.
ווערטיקאַלע וואַקכאַנאַליע,
אומדערטרעגלעכע און טאָטאַלע
ערדציטערניש אין כוואַליעס,
קאַנאַלן־פֿאַרשווענכונג,
וואָרצלען אין דונערן,
אָקאָפּעס אין קייטן,
אין אָדערן, אין פֿלאַמען,
פֿאַרמוטשעט, פֿאַרלוירן,
ביזן לעצטן סימן,
אָפּגעדרוקט, פֿאַרגאַנגען
איז די פּײַן
פֿאַרבײַ
איז.

* * *

ביס...
ביז דעם אָנפֿאַנג
ווו עס דריקט אויף אונדז די פּײַן...

חנוכּת־הבית

איך האָב מורא
און איך וויל זי ווײַטער האָבן,
די פֿון אונטן קריכנדיק־אינטימע מורא.
זי זאָל, חלילה, זיך ניט אַרויסגליטשען פֿון מײַנע פֿינגער
און כ׳זאָל באַווײַזן מיט איר זיך נאָכצוקײַקלען,
אַלץ לויט אירע אינטויציעס, אינטאָנאַציעס,
קאַפּריזן, מטורפֿדיקע אימפּראָוויזאַציעס,
ווּהין זי ציט מיך,
וויאַזוי זי קיצלט מיך
און שלינגט מיך כּסדר אַראָפּ,
ביז מיר׳ן דערגרייכן, זי און איך,
צו אַ געפֿערלעך־ווונדערלעכן
חנוכּת־הבית.

ערשט דאָ
דרייט זי זיך אויס,
קוקט טיף אין מײַנע אויגן,
און איר שאָטן — ס׳הייסט איך —
וואָס שטייט אַנטקעגן איר,
ווערט אויפֿן אָרט
פֿאַרפֿרוירן.

סופער־שינאה־מען

די שינאה האָט זיך ענדלעך אָפּגעטרייסלט
פֿון אירע אויסגעשליפֿענע,
פֿאַר אַלעמען גוט־באַקאַנטע פֿאָרמולאַציעס,
און זי אַליין ווערט שוין געבוירן
ווי בלויז שינאה — נעטאָ, ריין
און צינדט זיך פֿונדאָסניי אָנעט
קעגן יעדן נײַעם קרבן,
וועלכער איז פֿון פֿאָרויס שוין מוותּר
אויף וועלכן־עס־איז מעגלעכן מאָרגן.

ווי יונג זי זעט אויס, די שינאה!
פֿאָרן פֿאָרט זי אויף די העכסט מאָדערניזירטע
אַקאָרדן פֿון איר הימען,
אויף מעלאָדיעס שטעביקע, עלעקטריזירטע,
וואָס פֿורעמען אויס די מינעס
פֿון צעזייטע גאַלאַקסיעס
און טעלעוויזיע־מכשירים,
וועלכע האָבן שוין פֿון לאַנג פֿאַרלוירן
יעדן כּיוון, יעדן זינען.

די שינאה־קינאה מערט זיך פֿון טאָג־צו־טאָג
אין געהיימע לאַבאָראַטאָריעס,
בעת דער קינאָ פֿון דער פֿײַנטשאַפֿט
איז לעצטנס זוכה
צו אַזעלכע אומדערהערטע אַפּלאָדיסמענטן.

* * *

...זי צעגייט זיך, ווערט פֿאַרטײַעט,
וויבאַלד זי טאַפּט נאָר אָן דײַן געדולד
און דערזעט
אונדזער רויִקייט.

אויסגעבאָרגטער פּיזשאַמע

קוקט ער מיט טרויער
אויף דער פֿריידיקייט
וואָס איז זיך געווען טועה
און וועט אים שוין מער קיינמאָל ניט באַזוכן.

ר׳איז שוין ניט דער זעלביקער.
אויף זײַן הוים איז ניט די זעלבע,
און די טרעפֿונגס־שעה פֿון זיי ביידע —
שוין יאָרן אינגאַנצן אַן אַנדערע.

ווי אויף צו להכעיס
די זונשטראַלן
וואַרטן אויף אים, גייען אים נאָך.
אין בריִענדיקן פֿעסל־גאָלד
וועלן זיי אים דערטרינקען
ביזן סוף.

פּסוקים

אַ מידבר
אינמיטן דער שטאָט.
אינדזלען
רעגירט דורך וויַט־קאָנטראָל.

אַ מוזיי
אָקופּירט ברוטאַל אַ דאָרף...
פֿאַרזונקען ווערן אין דער קעשענע
פֿון האָריזאָנט.

נוחס קעסטל
אויף דער יבשה
ליגט הינטער די קוליסן
פֿון בין־השמשות.

אַ הייל —
אי אין איר, אי פֿון דרויסן,
איז מבטל דעם אונטערשיד
צווישן רגע און יאָרטויזנט.

שטיינער
פֿליִען־פֿאַלן אויף יעדן וואָרט.
עקזאַקטער בית־הקברות,
הילפֿלאָזער פּאָרט.

ביינער
זענען צום הימל אַרויף מיטן רויך.
רעגנדיקע רגעס,
פּסוקים פֿון צאָרן און טרוים.

גראַמאַטישע פּיַיזאַזשן

נעכטן
וועט מען רעדאַגירן שורות,
וואָס וועלן אויפֿסניַי זיך באַוויַיזן
אין גאַלאָפּ פֿון פֿאַרגאַנגענע טעג.

באַטראַכטן
וועלן שאַרף־קלוגע אויגן
די אותיות, שורות, שפּראַך,
דערשטיקטע אין פֿולער פּראַכט.

מאַכטן
וואָס ברעכן זיך איַין, פֿאַלן אַרונטער,
ביַים אויפֿפּרעסן דעם רויען מאָרגן
לאַנג פֿאַר דער ציַיט.

שאַקאַלן
וואָס זענען אונדז באַפֿאַלן
דאָרטן, ביַים צונויפֿטרעף
פֿון טויזנט שוואַרצע קוואַלן.

קנעכט
פֿאַר וועלכע ס׳ווערן דערשאָכטן
אייגענע זין און טעכטער,
בעטן ס׳זאָל שוין דערצו נעמען אַ סוף.

פֿינצטער
ווערן מיַינע ליפּן
און איך, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן,
קוים, נישט מער ווי אַ ציטער.

פֿאַרהאַקטער הימל

דער הימל — אַן אײַנגעראַמטער,
אַ פֿאַרשעמטער, פּלוצלינג אַזוי נאַענט,
כאַפּט זיך אָנעט
אין אַ וואָלקן,
וואָס פֿון זײַן אָרט וויל זיך שוין מער ניט רירן,
שטעקט אין אַ פֿענצטער פֿאַרהאַקט
און פֿון דאַנעט־דאָרט
פּרוּווט ער אויסצוּוואָרצלען
אַ הונדערט שטאָקיקן בנין
פֿון זײַן יסוד און שפּראַך,
פֿון זײַן טיפֿסטן קלאַנג
ביזן סאַמע דערהויבענעם ציל,
בעת נישט ווײַט פֿון דאָרט
מיושבדיקע גלעקער
פֿון די וואַסערן טויבן אַרויס
מיט קלאַנגען נאָך נישט־דערהערטע,
ווי וועלדער נישט־אַנטדעקטע,
וועלכע פֿליִען אַצינדער פֿון איין פּלאַנעט צום צווייטן
אין אַ מטורפֿדיקער שנעלקייט,
שלינגענדיק מרחקים אָן אויפֿהער,
ווּהין און צו וועמען?
קיינער,
קיינער ווייסט נישט.

* * *

אַ ווולקאַן
שטייט דערבײַ.
מ׳האָט אויף זײַן דעביוּט
לאַנג געוואַרט.
ציטערט איצט די ערד,

טרײַסלען זיך די ביימער,
דערוועקט זיך יעדער שטיין
און ס'שטייען אויף
מחנות
ביינער...

רעוואָלווער

כ׳רעוואָלטיר
קעגן דער טעמפּער גאַס,
וואָס טאָג און נאַכט
באַגייט זי זיך אָן מיר...

כ׳רעווידיר
אַלע אייגענע חשבונות
די־אָ זכרונות,
וואָס שרעקן זיך פֿאַרן פּאַפּיר.

איך פֿאַרליר
מײַן מוט, מײַן דראַנג,
בעת כ׳זע אויפֿן טראָטואַר
דאָס שטײַפֿע פּנים וואָס איך בין.

איך מאַרשיר
אויף דער אַלעע ״פֿאַרקריפּלונג״
מיט דער מאַקאַברישער באַגלייטונג
פֿון אַ הינקעדיקן גלאָז־קלאַוויר.

דער קאָליר
פֿון דער גאַס און פֿון מײַן הויט
איז דער זעלביקער שוואַרץ־גרוי,
אָן קיין אונטערשיד.

אונטערדריקט
ווערט דאָס געוויסן, דער זכּרון.
ס׳זענען פֿענצטער פֿאַרשלאָסן געוואָרן,
אָפּגעמעקט יעדן געמיט.

קאָנפֿיסקירט
האָט מען מחשבות,
געפֿילן און חלומות,
טיר און טויער ליקווידירט.

איך סאָרטיר
געשיר און מעבל וואָס כ'פֿאַרמאָג,
אַוועקצוגעבן וועמען כ'קאָן
איידער מײַן צוריקטריט אַנאָנים.

כ'ריזיקיר,
וויל גאָרניט מער.
נעבן ווערעם אויף דער ערד
וואַלגערט זיך מײַן בליק.

כ'מוזיקיר
אָנעם געהער, אָן די פֿינגער,
בלויז הפֿסקות
מײַן שטומע האַנט קאָפּירט.

די גאַס מיט איר טויט
און איך — דערנעבן,
שטייען מיר גרייט
זיך לאָזן אין וועג.

ניטאָ וואָס צו פֿרעגן.

פּיקאַסאָס אָקס

אַ פֿריש ווינטל האָט לײַכט באַוויגן
הענגענדיקע טעפּ־בלומען.

ווי פּאָמפּעדיקלען האָבן זיי צוגעטאַנצט
צום קלאַנג פֿון די זיסע סטרונעס.

דער געטרײַער זומער איז געקומען!
מיטן וואַסערפֿאַל פֿון אירע לאַנגע האָר
ליגט די בתולה אויפֿן קישן־פּאַראַדאָקס,
און איר דערלייזער דערנעבן, אַ מיטאָלאָגיש־מוסקולער פּיקאַסאָס אָקס.

ענדלאָזע רויטע רעקאָרדירן פֿיש אין ימען.
איין פֿייגל ווי טויזנט פֿויגל איבערראַשן דעם הימל.
פּויקנדיק אויפֿן ערדבויך, גאַלאָפּירנדיקע פֿערד —
דאָס וווּנדערקינד וואָס אַלץ זעט און הערט.

פֿלירט־רדיפֿות צווישן טאָג און נאַכט.
זומער־הכנעות צום אומגעדולדיקן האַרבסט.
צעקריגטע יאָרן צווישן יונג און אַלט.
וויסטע טאָל־מפּלה אַנטקעגן דעם האַר־באַרג.

אַרום און אַרום

אין איר ווינקל, די בייגעוודיקע רויז,
מאַכט זיך ניט הערנדיק צו אונדזער געשפּרעך,
שטרעבט געדולדיק צו דער באַגערטער שעה,
ווען מ'וועט איר קאָנטור אויפֿסנײַ דערזען.

מעטאַמאָרפֿאָזע
פֿון דעם זויגלינג
אין אַ זקנה,
און פֿון איר —
אין אַ שטיין.
ווער ס'רופֿט דאָס מעטאַמאָרפֿאָזע,
ווער סע זעט אין דעם פֿאַנטאַזיע,
און ווער מיט התפּעלות
באַוווּנדערט דעם נס.

דאָרט אויבן ווי די בוימקרוין ווערט פֿאַרוואַנדלט אין הימל.
אין יענעם ווינקל, ווו ס'וואָרט נאַרט אָפּ דאָס אויג.
דאָרט אומגעפֿער ווו די דרומדיקע אָרעמס טאַפּן אָן דעם צפֿון,
ווו דער שטרענגסטער פֿון די ימען היט אָפּ זײַן סוד.

שאָטנס און איך

פּאַמעלעך פֿאַרמאַכן זיך די טויערן פֿון מײַנע אויגן
און כ׳וועל בהדרגהדיק אַראָפּגעשלונגען
צום קבלת־פּנים,
צו די קעלער־טיפֿענישן
פֿון דער זיקנה.

דורכן פֿענצטער
קוקט צו מיר
דער פֿרישער האַרבסט
און כ׳דערקען אין זײַן בליק
די קייטן־גאַלעריע
פֿון אַלע זײַנע פֿריִערדיקע יאָרן,
בעת דער זיסער זומער
מיטאַמאָל ווערט אויסגעמעקט, צונישט.
(אפֿילו איידער דער האַרבסט ווערט געבוירן,
ווערט ער שוין צו אַ פֿרעמד לשון
איבערגעזעצט, איבערפֿלאַנצט).

די צײַט פֿרעסט ריטמיש אויף די צײַט,
און ווען דערנאָך, אויב נישט מיך? —
ס׳נײַע גלײַכגעוויכט
צווישן שאָטן און ליכט.

די שוואַלב

קוקט דער ים צו דער יבשה
און די יבשה — צום ים.
און איין סיאַמע קשיא עקבערט זיי:
„קענסטו אין מײַן רחבות אַרײַן?"

אַ מטבע, אַ וועטונג צווישן זיי,
כסדרדיקע דראָונג עלעהיי...
וועט נאָך אַראָפּשלינגען איינס דאָס צווייטע
אינעם פֿינטלעכסטן מאָמענט.

צעוויקלט זיך אַ כוואַליע, פֿליִענדיקע בײַטשן,
און באַשטראָפֿט אכזריותדיק די ערד,
און זי באַשיצט זיך אינסטינקטיוו, פֿוןביידע זײַטן,
שרײַט אויס מיט כּוח: „כ'קען נישט מער!"

פֿיש און שיף, שיף און פֿיש,
פֿונעם צענטער ביז עק וועלט.
ענלעכקייטן אויף שריט און טריט,
נאָר גייען פֿאַרבײַ אומבאַמערקט.

דער ים און דער ברעג.
ביז איצטיקער פּײַזאַזש,
וואָס האָט זיך ווידער און ווײַטער
צום זעלביקן אָרט אומגעקערט.

דער ים — אַ רוישנדיקע בינע
און אַ פֿולגעפּאַקטער זאַל — דער ברעג.
טוישן זיי טאָגטעגלעך די ראָלעס,
ביז מע ווייסט ניט ווער איז ווער.

צי ער איז זי,
צי זי איז ער,
"ס'וועט שוין דערפֿון עפּעס ווערן" —
סופּלירט זיי דאָס אַבסאָלוט געהער.

קוקט דער ים צו דער יבשה,
און די יבשה — צום ים.
און איין סיִאַמע־קשיא עקבערט זיי:
"ווי קען מען אָן דיַין גרענעץ זיַין?"

קרעשטשענדאָ

די סתּירה
צווישן אויסערלעכן טיטל
און דער פּוסטער דירה.

דער שמועס
וואָס העט הינטער די בערג
הערט אויף צו זײַן אַ טעות.

דער אמת
אַ קאַפּעטשקע העכער
פֿון מײַן געלונגנסטער דעפֿיניציע.

די סיבה
כיטרעדיק פֿאַרבאָרגן
הינטער דער צופֿעליקייט.

אָפּוועזנדיקער צימער
צווישן אומבאַקאַנטן מאָרגן
אינעם פֿאַרנעפּלטן נעכטן.

אויסגעלאָשענע ווערטער
פֿון גן־עדן פֿאַרטריבענע
בלאָנדזשען אַרום ווי פּעדלערס.

נישט געפֿלויגענע, נישט געשטויגענע
מעשׂיות און געשעפֿטן
אין פּרעסטיזשע אויסגאַבעס.

פּאָרציִעס, פּאָזעס און פּאָזיציִעס
פֿון גרויסהאַלטערישע קינסטלערס
אין וועלט־גאַלעריעס פֿון סתּם געשיכטעס.

מה נשתנה?

אַן אויסגעשפּרייטער פֿאַרהאַנג
פֿון טויזנטער ראשי־תיבות,
פֿון וועלכן מיר זענען וויַיט צו וויסן
זיַין באַטיַיט —
פֿורעמט אויס אונדזער טבע,
בשעת ער טיַיט אונדז אָן
וואָס מיר'ן איצטער טאָן,
מיט יעדן דרינגלעכדיקן טאָן,
אויף וועלכן מ'טרעפֿט זיך אָן.

כ'פֿיל זיך
אויסגעליידיקט,
כ'האָב זיך אין יענעם שענסטן חלום דיַינעם
נישט באַטייליקט.
ס'טוט מיר אַלץ אַזוי באַנג,
וואָס נישט אַלע חיות און פֿייגל
זענען אין נחס תיבה
אַריַין.

ס'דערנענטערן זיך די גרענעצן.
פֿאַרקירצונגען נעמען איבער די מאַכט.
דעם רחמנות־טעם האָט מען דאָ פֿאַרגעסן.
ס'פּולסירן פֿיל ענערגיעס פֿון פֿאַרדאַכט.

דער אויסגעשפּרייטער פֿאַרהאַנג
פֿון טויזנטער ראשי־תיבות,
ווי צאַרט און נאָענט הענגט ער היַינט.
פֿון אים ביז אונדז — נישטאָ קיין מרחק־אונטערשייד.

באַליידיקטער גוף

סתּם נישט מער ווי אַ גוף
אָן קיין שום פּסיכאָלאָגיע
וואַלגערט זיך צווישן זײַטיקע געסלעך,
וואָס זענען אַמאָל געווען הויפּט־אַלעעס,
נאָר מיט די יאָרן
זענען זיי איינגעשרומפּן,
געוווּיר געוואָרן,
כּדי צוצופּאַסן זיך
צו דער איצטיקער מאָס
און אָרומגייענדיקער נעבעכדיקייט
פֿון אָט דעם קערפּער.
(צו וועמען געהערט ער?)

די לענדער
אין שכנות מיט דײַן קינדהייט
ווערן אַצינדער אויסגעשטעלט
אויפֿן סוף־סעזאָניקן אויספֿאַרקויף.

די פֿענער
וואָס מ׳האָט אַרויפֿגעהאָנגען
אויף די באַלקאָנען,
ווי רויטע צונגען
לאַכן זיך אויס
פֿון אַלעם און אַלץ
אויף וואָס מ׳האָט אַמאָל געהאָפֿט.

אַלע טענער
אויסגעוועפּטע.
דער ערדקײַלעך —
אַ פּוסטער טאָפּ.

ווי קאָן מען אַזוי רעדן?

נישט געקוקט אויף דער ספֿירה־שטימונג
פֿון אונדזערע טעג,
ווען אדם און חוה
ווערן געבוירן
אין גיהנום,
שטילערהייט באַווײַזט זיך אַ וואָלקן־גלעט
און חזרט מיט אונדז איבער
דאָס וואָס אין פסוק שטייט.

אַלע חטאים
אָן קיין אויסנעם,
אומרחמנותדיק
ווערן דערטרונקען
אינעם ליבשאַפֿט־ים,
וואָס מיט יעדן אָטעם דײַנעם
ווערט ער טיפֿער, נענטער, ברייטער...

נישט קיין נפקא מינה
אויב דו ווייסט נישט,
וויאַזוי עס דאַוונט אַ ייִד:
נעם אַ צווײַג אין דײַנע פֿינגער,
קוק און זע ווי דער שפּראָץ בליט.

קאָסמישער בוס

סיגנאַלן רויִקייט
האָט מען צעזייט אויפֿן רוים.
טראַנסמיסיעס צערטלעכקייט
האָבן ווײַטער געשטראָמט.

ספּיראַלנס וואַרעמקייט
שטרעבן־ציִען צו דער ליכט.
ערשט געבוירענער אות ציטערט
אי פֿון קעלט, אי פֿון גליק.

רמזים פֿון קרישטאָלענער שיינקייט,
טראָגט דער קאָסמישער אות.
דערשפּירט ער אָבער אַ ברעקל רשעות —
פּלאַצט ער, שטאַרבט אויפֿן אָרט.

פון אדמס ריפּן

מײַן גאַנצער גוף
שטרעבט כּסדר צו איר.
רירט זי קוים אָנעט —
ווי אַ פֿידל גלײַך וויברירט.

אָפּטמאָל באַפֿאַלט מיך אַ מורא:
ווען קוש איך דאָ? ווען גלעט איך?..
פֿראַגע־צייכנס בלײַבן הענגען
ווי אַ פֿרעמד־עקזאָטישער טעפּעך.

אַ סך ספֿקות האָט אונדזער ליבע געוווּסט,
וואָס האָבן אַלץ פֿאַרשטיקט, פֿאַרדעקט,
ביז אונדזערע פֿאַרגאַנגענהייטן האָבן
אין אַ ווינקל פּלוצעם זיך דערקענט.

כ׳בין דאָרט געווען — מעג איך הײַנט זאָגן —
אין דער צווישנליבשאַפֿט פֿון דיר צו מיר,
דאָרט ווו אַלצדינג קלינגט אַלעגאָריש
ווי אויסגעשטרעקטע האַרפֿן צום ווינט.

חוהס קול דערגייט צו מיר
מיט איר סטרונע פֿון אדמס ריפּן.
איצט אָטעם איך דורך אירע אויגן
און איך זינג מיט אירע ליפּן.

ווי פון צוויי ווערט איינס

אונדזערע שוואַכקייטן
וואָס האָבן זיך פֿאַרליבט
איינע אין דער צווייטער,
און מיר, נעבן זיי,
מיט אויגן פֿאַרבלענדטע,
פֿאַרבעטן איצט די גאָרע וועלט
צום סוד און ווינקל
פֿון די־אָ באַשערטע.

פֿון איין זײַט — די לידער,
באַזונדער — די לײַדן,
זאָלן זיי זיך באַקענען,
מיר'ן דערבײַ שווײַגן.
קומען וועלן קומען
גנאָד־זיסע צײַטן,
וועלן זיי פֿאַרבײַגיין?
זאַלבעצוויי וועלן מיר בלײַבן.
מיר'ן זאַמלען, זיך דערמאָנען
אין די וווּנדער־שפעטסטע גראַמען...

און בעת מיר טוליען זיך אַזוי,
רײַסט זיך אַרײַן, גיי ווייס פֿון וואַנען,
אַ שוואַרץ־עקזאָטיש טענצל,
וואָס איז אונדז שטאַרק מקנא.
פרוּוון פרוּווט ער אונדז באַהערשן
מיט זײַנע פֿינגערס, מעסערס, נעצן.
סע געלינגט אים ניט,
אָבער שפרינגען שפרינגט ער ווײַטער,
יאָגט אונדז נאָך פֿון יעדן עק,

פֿון אַלע זײַטן,
דראָט עקשנותדיק מיט קלינגענדיקע פֿײַלן.
ביז אַ כיטרעדיקער פֿאָקסטראָט
אומגעריכט, אויפֿן אָרט,
פֿאַרכאַפּט אים ממש פֿון די פֿיס,
באַפֿרײַט און לייזט אונדז אויס.

"נשמה מײַנע, כ'בין ממש צעחושט,
כ'האָב קײַן אַננונג נישט
ווו מיר האַלטן איצט..."
ענטפֿערט זי:
"אויב מיר ווילן ווײַטער
איבערקערן וועלטן,
מוז מען פֿריִער
צונויפֿברענגען
צוויי שוואַכקייטן
און זיי לאָזן
אין איין צימער
שווײַגן
אַליין".
"אמן — זאָג איך —
לאָמיר גיין,
אַהינצו ווו
פֿון צוויי
ווערט איינס".

געפֿאַנגענער נומער זיבן

אָ, מײַן שוועסטער,
לאָמיר זיך אַרומנעמען
אויפֿן גלעקער־געלעכטער,
לאָמיר טוליען זיך
ביידע צווישן צען ערטער
און זיי ברענגען צוזאַמען
אויף איין רויִק אָרט.
דײַנע שוואַרצאַפּלען
וואָס שמייכלען און פֿרעגן,
באַקומען
מײַן הסכמה,
ווי אויך
גאָר הויך
שטימען מיר זיך אָפּ
זיך צו טרעפֿן נאָענט
צו די פֿליגלען
וואָס דערווײַטערן זיך
און קומען נאָך אַ מאָל אַנידער
צו די אָפּט באַזוכטע ווינקלען
ווו פּיצינקע מענטשעלעך
זענען אונדז מקנא.
דיר צוליב טאָן
וואַנדערן מיר צוריק
צו די שטערן,
דו און דו,
איך און איך,
טאָפּלטע,
סודען און באַראַטן זיך
וויאַזוי

אויף בענק און צעקערטע טישן
ווערט מען א משונהדיק פֿאַנטאַסטישער
טאַנץ.
טאַנץ מיט מיר
אויף פֿיר חתונות,
אויף דײַנע צוויי
ווי אויך אויף מײַנע,
אפֿילו אויף אַ פֿינעפֿטער
פֿון געפֿערלעכע ציגײַנער,
וואָס פֿאַרפּישופֿן ווײַבער
מיט משובחדיקע ווײַנען,
וועלכע גיסן זיך שפּעדיק
דערמאָנענדיק טײַכלען
מיט די סאַמע עקזאָטישסטע
נעמען.
אָ, מײַן שעפֿעלע,
מײַן געראָטענע,
כ׳וויל דיר נעמען
מיט אַלע שיר־השירימדיקע פּסוקים
צעקלונגענע
אין דיר פֿאַרקערפּערט,
איך צו דיר
און דו צו מיר
דערגייען סוף־כּל־סוף,
בלײַבן געפֿאַנגען
אינעם קאַראַהאָד
פֿון טרעפּ אַרויף־אַראָפּ,
פֿאַרשיכּורטע,
דורכזיכטיקע
טרעפּ און טרעפּ
וועלכע פֿירן
ביזן הימל
זיבן מאָל
זיבן.

קאָלירן־קוואַרטעט

אין איר שיינקייט זוכט זיך מײַן רו,
אונדזערע סודות — זייער באַטײַט.
פֿאָרשונגען פֿון פֿיס ביז קאָפּ.
נײַע אויפֿלאַגעס פֿון נויט, פֿון צײַט.

אַ גרינעם הימל — האָסטו ערגעץ־ווו געזען?
אַצינד האָסטו געזען.
און אפֿשר אַמאָל אַ בלויען וואַלד?
פֿאַר דײַנע אויגן פֿאָרט ער פֿאַרבײַ.
קוק־זשע צו
ווי זיי קומען זיך אַנטקעגן
די רויטע נאַכט
מיטן שוואַרצן ווײַן,
דער גרינער הימל
מיטן בלויען וואַלד.

די אַנטווישונג וואַרט אויף אונדז דערוויַיל,
נאָר ווי קען מען דערפֿון וויסן,
ווען ס׳בײַטן זיך אַזוי אָפֿט די קאָלירן
צווישן קינאה, ליבע און האַס.

פֿיר־סעזאָניקע תאווה

ווי פֿאַריתומטע זעען זיי אויס,
די הענט מײַנע!
זיי האָבן ניט, און ס'איז אויך ניטאָ,
ווער עס זאָל זיי
כאָטש דערלאַנגען אַ וואָרט.

אינגוואַזיעס־מיאוסקייט
קיינער וואַגט ניט אַרויסצוטרעטן קעגן זיי.
פֿאַנאַטישע אַנטוישונג
האָט פֿון אונדז דעם לשון צוגענומען.
שלאַנגענדיקע הפֿקרות
פֿרעסט אויף צוזאָגנדיקע פּירות.

איר האַרבסט־בליק,
איר זומער־שמייכל,
איר פֿרילינג־האַלדז,
אירע ווינטערדיקע האָר...
קאַפּריזנע וואַנט וואָס טיילט אָפּ
צווישן איר אויער און מײַן אויג,
אָן אויפֿהער שטרעבט,
נאָר קאָן ניט איבערשטײַגן
די פֿיר־סעזאָניקע תאווה,
דעם לויב מײַנעם
צום וווּנדער־צויבער
פֿון אָט דער פֿרוי.

מאַסקעס־קוש

די אַלע יאָרן
וועלכע שטייען אינמיטן
צווישן אָפֿענע ליפּן,
וואָס אַזוינס האָבן זיי צו זאָגן?

איז דאָס געווען אירס אַ קוש,
אָדער אירס אַ וואָרט איז דאָס געווען?
וועלכן אות האָט זי געמיינט,
וואָס האָט זיך פֿאַר אַ קוש פֿאַרשטעלט?

די אַלע יאָרן אין איינעם
— שטומע, בייזע, פֿרעמדע —
צו וועמען אייגנטלעך
געהערן זיי?

נישט צו איר,
נישט צו מיר,
נישט צו זיך —
צו קיינעם.

אויער־סילועטן

קוקנדיק צו מיר,
שווײַגט זי,
און שווײַגנדיק צו איר,
זע איך.
און צווישן די פֿיר אויגן
אויפֿסניי באַווײַזט זיך
דאָס דינע געוועב
פֿון אַלץ וואָס מיר האָבן איינעם אַמאָל געפֿרעגט.

צי וועט ער ווערן די ווערטער
וואָס זי שטעלט זיך פֿאָר?
אָדער אפֿשר וועט זי דווקא ווערן אַנדערע?
אויפֿן וועלכן ספֿר וועלן לאַנדן אָט די פֿערזן,
נאָכן פֿליִען־בלאָנדזשען איבער הענגענדיקע גערטנער?

וואָס מער זיי דערווײַטערן זיך,
אַלץ נענטער ווערן זיי,
בעת ער שווײַגט
און זי קוקט,
און ער זעט
ווי זי הערט.